UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Kheshbn No. 125- Spring 1995 - Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/3pz67788

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 125(1)

**Publication Date**
1995

**Copyright Information**
Copyright 1995 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 125

פרילינג
תשנ"ד

SPRING
1995

ארויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

**דער פֿאַרבאַנד איז אַ פּראַטווירנאַלע אָרגאַניזאַציע**
**וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן**
**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

**ל.א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון**
**ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד**
**לואי סענענסיב, פּרעזידענט**

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

Los Angeles, Calif. 90048 • 8339 West Third Street

Telephone: (213) 655-2842



# H E S H B O N

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310/820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **N. GIEROWITZ, L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט

משה שקליאַר: די שעה פון נצחון . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3
לילקע מייזנער: ...און די ערד האָט געציטער. . . . . . . . . . . . . . . . . . . 4
שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש: לידער. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 6
עלי שעכטמאַן: "גורל" (פראַגמענט פונעם בוך "ביים שקיעה־אַקער"). . . . . . . 7
יצחק קאַהאַן : עלי שעכטמאַן – דער באַזינגער פונעם רוסישן יידנטום. . . . . . . . 13
חנן קיעל: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 18
משה וואָלף: שלמה מיכאָעלס דער – "רייכסטער" און דער "עלטסטער" . . . . . . . 21
מ. אָליצקי: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 33
הינדע זאַרעצקי: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 33
שושנה באַלאַבאַן-וואָלקאָוויטש: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 34
שמואל באַט: פיניע פלאָטקין צו זיינע גבורות. . . . . . . . . . . . . . . . . . 35
פיניע פלאָטקין: לידער . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 40
חנן קיעל: צו פוסנס דעם מאַגניט־באַרג (זכרונות) . . . . . . . . . . . . . . 42
משה שקליאַר: לידער. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 50
עקיבא פישבין: דער מאָלער יצחק אַנטשער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 52
צבי אייזנמאַן: לידער. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 57
גרוניא קאַהן: ליד. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 58
לייב באָראָוויק: ליד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 58
י. פינער : מאַמע (דערציילונג). . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 60
י.ק.: מאיר חרצס לעצטע צוויי לידער־זאַמלונגען. . . . . . . . . . . . . . . . 63
עקיבא פישבין: אַ טרער אויפן קבר פון רבקה קאָפּע . . . . . . . . . . . . . . 67
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 68
י.ש.: כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב . . . . . . . . . . . . . . . . . 69

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

# חשבון

נומ. 125

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גערעאָוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער
זעלדע מאַלעוויטש

49־סער יאָרגאַנג, נומער 125 • פרילינג 1995 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


# 1995–1945

# צו די טעג פון באַפרייאונג

משה שקליאַר

## די שעה פון נצחון

איך האָב נישט געגלייבט, אַז די שעה פון נצחון
וועט קומען אַזוי זיך אין מיטן דער וואָכן,
וועט קומען אַזוי זיך, אָן רעש און אָן טומל,
אַזוי ווי עס קומט דער באַגין אויפן הימל.

...איצט יובלט און פייערט דעם יום־טוב די וועלט,
נאָר קיינער פאַרגעסט נישט אין דעם ווער עס פעלט,
עס לויערט דער טויט נאָך אין אַלעמענס בליקן
און ס׳קאָן זיך די פרייד נישט געפינען קיין תיקון...

זי מישט זיך, די פרייד, מיטן טרויער צוזאַמען,
ווי ערד מיטן בלוט, וואָס נערט איצט די שטאַמען
פון שטורעמס און וויגעס נישט איינגעבראָכן –
די שטאַמען, וואָס האָבן דערוואַרט דעם נצחון!

1945

לילקע מייזנער

# ...און די ערד האָט געציטערט

כ'וואָלט אַזוי וועלן היינט עפענען די קעמערלעך פון מיין מוח אין נאָך אַ מאָל זען און פילן - פילן דעם מאָמענט, די רגע פון באַפרייאונג. איז עס דען פיזיש מעגלעך צוריקגיין צו יענעם מאָמענט און פילן די עמאָציעס, זען די בילדער וואָס זענען פאַרגאנגען, אָבער שטיין געבליבן ערגעץ אין די פאַרבאָרגענע ווינקלן פונעם מיסטעריעזן מוח?

שטילע שטילקייט... איז דאָ אַזאַ מאָמענט? קאָן מען שטילקייט הערן, פילן? קאָן מען שטילקייט באַשרייבן אין אירע ניואַנסן און קאָלירן?

מיין באַפרייאונג פאַרט זיך מיט אַזאַ באַשריבונג. כ'האָב געהערט די שטילקייט - און צייט איז געבליבן שטיין און ווי אַן אומבאַוועגלעך בילד פאַרפראָרן געוואָרן אין רוים.

ווי ווייט און נאָענט זענען די מינוטן? די לעצטע מינוטן פון אַ לעבן, די לעצטע אויסגעשרייען, דאָס לעצטע וואָרט, לעצטע קרעכצן? ראַנטישע בילדער!

פנימער גרויע, אויגן גרויסע, טייל מאָל - איינגעפאַלענע לעכער. שאָטנס זיצן, ליגן, שאָקלען זיך אין אַ ריטעם וואָס ווערט פון זיי אַליין נאָר פאַרשטאַנען. שאָטנס פון מענטשלעכע געשטאַלטן. פרויען, וועלכע זענען אַ מאָל, נישט לאַנג צוריק, געווען שיין, מיט שוואַרצע צי בלאָנדע האָר, מיט קערפּערס וואָס האָבן געבליט, און אפשר שוין אַרומגענומען געוואָרן פון געליבטע הענט און וואַרעמע קושן. וועלכער טייוול האָט אָט די שפּיל פאַרטראַכט? ווער זענען מיר? און וואָס טוען מיר - מיר האַלב אויסגעלאָשענע לעבנס, אַרומגעוויקלט און טראַנטעס, וואַרטנדיק אויף... וואָס?

כ'וויל צומאַכן די אויגן, אויפעפענען די קעמערלעך און נאָך אַ מאָל פילן, פילן דאָס נישט פילנדיקע. כ'וויל צודריקן פעסט די אויגן־לעפלעך און אפשר, אפשר זען נאָך אַ מאָל יענע בילדער, געשטאַלטן, געפילן. האָב איך זיי געהאַט, אָט די דינע, סענסיטיווע מענטשלעכע געפילן ווען כ'בין געשטאַנען פאַר דעם גרויסן באַרג פון מענטשלעכע גופים? וועלכער מאָלער, וועלכער שניצער קען פּלאַסטיש אַרויסברענגען אָט דעם אומגעהויערן מענטשלעכן באַרג מיט פאַרקרומטע, אויסגעטרוקנטע קערפּערס? ער איז העכער געווען פון "מאָן־בלאַן" - ווי עס דריקט זיך אויס דער דיכטער משה שולשטיין אין זיין פּאָעמע וועגן דעם "באַרג שיך".

יאָ, ער איז גרעסער אין העכער געווען. ער איז אוממענטשלעך געווען - אַזאַ באַרג, און בערג האָט נאָך די וועלט נישט געזען! אַזעלכע בערג פון מענטשלעכע גופים!

און די ערד האָט געציטערט דעמאָלט, אין די פריע אַפּריל־טעג אין בערגען־בעלזען. און די אויסגעמאַטערטע, לעבן געבליבענע פרויען־סקעלעטן האָבן געבעטן דעם נישט געזעענעם און אומבאַקאַנטן באַפרייער ער זאָל שוין קומען - און געשען זאָל דאָס וואָס מוז געשען - און ענדיקן זאָל זיך די לאַנגע פינצטערע פינפיאָריקע נאַכט.

ווי איז דאָס געווען? ווי האָט עס אויסגעזען ווען זיי, די אויסלייזער זענען געקומען?

די נאַכט איז געווען אַ שוואַרץ־שוואַרצע. אימיצער האָט צוגעלייגט דאָס אויער צו דער ערד, און די ערד האָט געציטערט, די שטילקייט האָבן איבערגעריסן שאָסן פון שווערע קאַנאָנען. ...און טיפע קרעכצן פון די רעשטלעך לעבן־געבליבענע, וועלכע האָבן זיך געשלייכט אויפן זאַמדיקן דיל.

און די נאַכט איז פּלוצעם שטיל געוואָרן - אַזאַ לאַנגע נאַכט! וועט זי זיך ענדיקן אַ מאָל? און פּלוצעם זענען ווידער אָנגעקומען די מערדער אין די גרינע מונדירן. אויף זייערע אָרעמס, ווייסע בענדער - זיי שרייען נישט אין שלאָגן נישט. זיי שלייכן זיך אַדורך. איז דאָס זייער סוף? איז דאָס מעגלעך?

מיט אַ מאָל, אין דער שוואַרצער, שוואַרצער נאַכט, אַזאַ שטילע שטילקייט! כ'האָב נאָך אַזאַ שטילקייט קיין מאָל נישט געהערט! די שטילקייט פון מיין באַפרייאונג!

...אין מיינע ביינערדיקע אָרעמס האָב איך געהאַלטן דיין קאָפּ - איך האָב רעכט דיין נאָמען נישט געוווּסט. ביסט געקומען מיט דעם לעצטן, גאָר לעצטן טראַנספּאָרט פון ווייטן פּאַריז, דורך אומוועגן אַריינגעוואָרפן געוואָרן צו אונדז. אין די געציילטע ווערטער, וואָס זענען געווען אַ געמיש פון דייטש און פראַנצויזיש, האָסטו דערציילט דיין עפּאָפּייע. מיט אַ שוואַכער, קוים הערנדיקער שטימע, האָסטו געוואָלט געזעגענען זיך מיט דער וועלט. איך האָב אַזאַ נאָענטקייט געפילט צו דיר, מיין אומבאַקאַנטע שוועסטער! האָב איך געהאַלטן דיין קאָפּ אין מיינע ביינערדיקע אָרעמס אין געוואָלט אַריינעטעמען אין דיר לעבן, זאָגן - האַלט זיך נאָך אַ ביסל. און שטאָט ווערטער, טיפע זיפצן - ביז דיינע אויגן האָבן זיך פאַרמאַכט. האָסט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם אין מאָמענט ווען די אויסלייזונג איז געשטאַנען ביי דער שוועל.

און די שוואַרצע נאַכט האָט דיך איינגעשלונגען, און די שטילקייט האָט דיך באַגלייט אין דיין אייביקן וועג... מיין אומבאַקאַנטע שוועסטער!

50 יאָר זענען אַריבער, אַ האַלבער יאָרהונדערט זינט יענעם אומבאַשרייבלעכן מאָמענט. איין מאָמענט אין מענטשלעכן לעבן, וואָס איז געוואָרן פאַרפיקסירט אויף אייביק טיף אין מיין זכרון. אַן אייביקער פייער-פלאַם, וואָס קאָן נישט פאַרלאָשן ווערן. איז עס דער פלאַם פון פרייד? איז עס דער פלאַם פון ברענען און נישט קאָנען פאַרברענט ווערן? איז עס דער פלאַם וואָס וועט טליען אין מיין האַרץ און אייביק דערמאָנען די מענטשלעכע שאַנד? באַפרייאונג - מיר זענען פיזיש באַפרייט געוואָרן פון די פּעטליעס פון אוממענטשלעכער שקלאַפעריי, פיזישן ווייטיק און פאַרניכטונג, אָבער נישט באַפרייט געוואָרן פון די גייסטיקע פיינען מחמת פאַרשניטענע משפחות, פאַרברענטע קינדער; נישט באַפרייט געוואָרן פון דעם אייביקן רינג וואָס בינדט אונדז מיט די אומגעקומענע.

און דאָך - זענען מיר באַפרייט געוואָרן. און דאָך האָבן מיר געפּראַוועט חתונות, געבוירן קינדער, געבויט היימען. אַזאַ איז דער מענטש, און נאָך מער דער ייד - דער אייביקער וואַנדערער, דער געשלאָגענער, דער וועלכער איז מיט תפילות געגאַנגען אויף שייטער הויפנס און דער וואָס האָט געשפּיגן דעם דייטש אין פּנים פון דער תליה און אוישוויץ. אַזוי זענען מיר - דער גרעסטער נס פון ווידערגעבורט. אַזאַ איז געווען דאָס ייִנגעלע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דעם שווידערלעכן לאַגער ראַרא-נאַרדהאַוזען און איך האָב מיט די ציינער זיין נאָפּלשנור אָפּגעביסן, און וואָס איז שפּעטער געפאַלן ווי אַ העלד אין דער זעקס-טאָגיקער מלחמה אין ישראל. יאָ, אַזעלכע זענען אונדזערע באַפרייטע טעג, חדושים, יאָרן.

...מיר זענען געזעסן איינגעגנורעטע, איינע אין דער אַנדערער אין די באַפרייאונגס-טעג, און געפילט, און פאַרשטאַנען די קאָלאָסאַלע איינזאַמקייט וואָס נעמט אונדז אַרום, די איינזאַמקייט פון איזאָלירטקייט, די פאַרלאָרנקייט אין דער וועלט.

סוף אויף זייט 70

## שרה טרייסטער מאָסקאָוויטש

# שטעט

די שטעט און שטעטלעך פון אייראָפע
זיצן פאַרשוואַרצט
אויף די קאַרטעס פון דער וועלט
שטעט פון שחיטה און פאַראַט
שטעט פון ימען טרערן
זומפן ערד פון קינדער בלוט
אָפגעהאַקטע יונגע ביימער
אויסגעלאָשן אויגנליכט
אויסגעוואָרצלט יידיש צונג
אויסגעליידיקט
פוסט
אָן אַ יידיש האַרץ
שטעט מיט גרויע טרערן פייכטע ווענט
האָס און שרעק שטעט
זיצן אויף די קאַרטעס
אייביק שוואַרץ
איצט בעט מען אונדז צוריקומען
זען אַ דענקמאָל נאָרוואָס אויפגעשטעלט
אַריינגיין אין אַ נייעם מוזיי
פון טויטע יידן און לעבעדיקע פרוחות
און מ׳בעט אונדז אַלס טוריסט געניסן
אין די טייכן פון דערטרונקונג
אין די וועלדער פון דערשיסונג
אין די שטעט פון אַש און קברים
נאָענט צו טרייסלענדיקער ערד

איר ווילט איך זאָל אייך
העלפן אויסמעקן די שוואַרצקייט?
איך זאָג, מעקט אויס די שטעטן

אָקטאָבער 1994

# מאַמע־לשון

שרהלע, זיסעלע, מאַמעלע שיינינקע
טייערינקע, ליובעניו, מלאכל קליינינקע
זיסינקע, קרוינעניו, בובאַליו, ליובאַליו
הערצעלע, פופעלע, זיסעלע, גוטעלע,

ליכטיקער פנימל,
ליבינקע אייגעלעך
פעיקע הענטעלעך
זגראַבנינקע פיסעלעך

קלוגינקע קעפעלע
גלאַנציקע הערעלעך
רויטינקע בעקעלעך
ציינדעלעך פערעלעך
עס אויף די לאָקשעלעך
פופיקל, מערעלעך.

קום אַהער קעצעלע
שפיל זיך שיין פייגעלע
נישט ווילד ווי אַ חיהלע
מיין מיידעלע פריידעלע...

ליו־ליו־ליו אוצרל
מיין כשר קינד
איינס אין דער וועלט מיינס
שלאָף רואיק אַצינד.

1994

עלי שעכטמאַן

# גורל

## (פראַגמענט פונעם בוך "ביים שקיעה־אַקער")

אַ דאַנק די באַמיונגען פונעם זשורנאַל "יידישע קולטור" און דער פינאַנציעלער הילף פון עוועלין אַלעקסאַנדער ז"ל, וועלכע האָט יאָרן־לאַנג געלעבט אין לאָס־אַנדזשעלעס, איז פאַריקן יאָר דערשינען דאָס בוך "ביים שקיעה־אַקער" פונעם גרויסן יידישן פראָזע־מייסטער עלי שעכטמאַן. וואָלט עס געווען אָפּהענגיק פון אונדז, וואָלטן מיר פראָקלאַמירט אָט דאָס ווערק ווי דאָס בוך פון יאָר. דערווייל קאָנען מיר עס בלויז רעקאָמענדירן אונדזערע לייענער און אינפאָרמירן, אַז דאָס בוך איז באַערט געוואָרן מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער ליטעראַרישער פרעמיע א.ג. "פערנאַנדראָ כענאָ" און יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע. אין דער מאָטיווירונג פון דער זשורי ווערט געזאָגט צוו. אנד.: די פרעמיע ווערט געגעבן סיי פאַר דער וווּנדערלעכער קוואַליטעט פון שעכטמאַנס שרייבן און סיי פאַר דער חורבן־טעמע וואָס איז דער תוך פון "ביים שקיעה־אַקער".

ווייטער ברענגען מיר אַ קליינעם פראַגמענט פונעם בוך. דאָס קאַפּל פונעם פראַגמענט איז אונדזערס.

רעד.

און אַז פון דער שטאָל־שטוב אַרויס און פון די רויט־שוואַרצע וואַרגנדיקע רויכן טיפער אין וואַלד אַנטלאָפן, געהערט ווי אַ פאַרוווּנדיקטער פערד קלאַפּט מיט די קאָפּעטעס אין דער דעמבענער וואַנט און שרייט פון ווייטיק מיט אַ מענטשלעכן קול... ווי נאָר טיפער אין וואַלד אַריין, אַזוי האָט אַ מינע אין זייער מקום־מיקלט געטראָפן, און מיט אַ פלאַם־פייער אַרומגעכאַפּט געוואָרן. דער אַלטער מאַקאָווער האָט געבענטשט גומל, און ווען צום טייך זיך דערקליבן, מיט "קאָלון" וועראבע־צווייגן אָנגעהאַקט, אין די קאַמישן זיי אָנגעוואָרפן - מ'זאָל מיט די פיס אויפן אייז ניט שטיין.

און זיי שטייען דאָרטן, אין די פאַרדאַרטע קאַמישן, וואָס קרעכצן און ברעכן זיך אויף די ווינטן, אונטער די נידעריקע סופיאַריקע הימלען, שוין אָן דעם ריפטל לבנה, שוין אונטער די שווערע כמאַרעס, וואָס הייבן שוין אָן צו שיטן מיט שניייען.

און ס'הייבט זיך אָן צו שטעלן דער ווינטער אויף די טייכן פון בבל... אין די שווערע וואַסערן, פאַרן פאַרפרוירן ווערן, ליגן די פיש, האַלבשלעפעריקע, אין די טיפע ערטער. יעדער מין באַזונדער, אָפּגעטיילט פון די אַנדערע, נאָר זיי, די העכטן, שווימען אַרום, און שלינגען די קאַרעשלעך.

און ס'טאָגט שוין, אויך די דעמבעס נעמען אַרויסקריכן פון דער פינצטערניש. אויף די פאַרשנייטע סאָסנע־צווייגן, וויגן זיך שוין, הענגען, און קריכן מיט די פיס אַרויף די ניט גרויסע, די רויטלעך־גרינלעכע קליעסטן, וואָס שיילן מיט זייערע שטאַרקע שנאָבלען פון די געלע יאָדלע־שישקעס די זוימען אַרויס. די ווינטן פאַרווייען די קאַמישן מיט שניי.

– מאַמע, – האַלט שוין ירמהלע מיין ניט אויס. – מאַמע, מ'מעג שוין רעדן?

– רעד, מיין קינד, רעד, וואָס ווילסטו? רעד, מיין קינד, זאָג?

– ס'איז מיר קאַלט, מאַמע... ס'טוען מיר שוין ווי די פיס: וויפל וועלן מיר דאָ נאָך דאַרפן שטיין?

– שוין ניט קיין סך, מיין קינד, שוין אינגיכן... פריידקע, דו הערסט ווי סע בילן די הינט?

– מאַמע, זיי בילן דאָך שוין לאַנג, די גאַנצע נאַכט.

– און אַז סע בילן די הינט, איז וואָס? – פרעגט שוין מנחם. – אויף שריפות בילן תמיד די הינט. און דאָ איז שוין אַפילו ניט קיין שריפה, נאָר אַ ים מיט פייער. איז וואָס איז דער חידוש?

– אויף שריפות, פעטער, בילן זיי ניט, נאָר סקוליען, וואָיען... און די בילן.

– און וואָס פאַר אַ סימן, טעמערל. – פרעגט שוין דער אַלטער מאַקאָווער מיט שרעק.

– וואָס פאַר אַ סימן, צי אַ צייכן, זעסטו דאָס אין דעם ווייטן בילן פון די הינט? פאַרקערט, מיר דאַכט, אַז די היצליעס האָבן שוין דאָ זייער בלוטיקע זאַך אָפּגעטאָן. זיי גייען שוין פונדאַנען אַוועק. מ'הערט שוין ניט קיין שיסערייען, זייערע הינט בילן אין אַ פאַרשאָלטענער שטילקייט.

– יאָ, פעטער, זיי האָבן שוין זייער בלוטיקע אַרבעט אָפּגעטאָן און קלייבן זיך אַוועקגיין...

– דאַרפן מיר דאָך דאַנקען און לויבן דעם אייבערשטן! מיר וועלן דאָ אויפשטעלן אַ זעמליאַנקע...

– ניין, פעטער, מיר וועלן שוין דאָ גאָרניט ניט אויפשטעלן, די דייטשן גייען אַהער־צו... זיי גייען אַהער מיט די הינט... פרעגט מיך ניט, פרעגט מיך מיין גאָרניט. – און אין אַ רגע אַרום, אָנבויגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט, ווי צוגעלייגט דעם אויער צום ערשטן ווייסווינטערדיקן פרימאָרגן, צוגעגעבן: – ראַפּי לעבט, רפאל לעבט... נאָר ער גייט אַהער מיט זיי... ניין, וואַרט, וואַרט!...

און איר פּנים ווערט מיט אַ מאָל אויסגעלייטערט, די אויגן ווערן איר ברייטער און פון די שוואַרצאַפּל־טיפענישן שלאָגט אַרויס אַ קוואַל ליכטיקע פרייד, וואָס אין די לעצטע יאָרן שוין אַזאַ פרייד אין אירע אויגן ניט געזען.

– וואַרט, וואַרט... מורמלט זי. – ער גייט אויך אַהער־צו, ער גייט, ראַפּי... ער גייט!

און הגם ס'איז נאָך אין ערגעץ אויף שניי קיין מענטשלעכער שאָטן ניטאָ, מ'הערט נאָר פון דער ווייטנס הינט בילן, דאָך לויפט זי פון די קאַמישן אַרויס, און לאָזט זיך גיין אויף רעכטס, באַרג אַרויף... און אַפילו דעמאָלט, אַז דאָס קינד, ירמהלע, הייבט אָן איר נאָכלויפן מיטן פאַרצווייפלטן געשריי:

– מאַ־מע־לע! מאַמע!

אויף דעמאָלטן שטעלט זי זיך ניט אָפּ, און פאַרפאַמעלעכט ניט איר גאַנג. פרעגט דאָ פלוצעם פריידקע, אַ צעטומלעט־פאַרלוירענע, ביים אַלטן מאַקאָווער, וואָס האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן אַ פוס אין אַ פוס, ווי פון איר, טעמערלס, לאָזן זיך אַנטקעגן די דייטשן גיין, וואָלט אים דאָ אַ היץ באַשלאָגן.

– זיידע – פרעגט אים דאָ פלוצלינג פריידקע. – זיידע, טייערער, האַרציקער מיינער, זאָג מיר, האָט די מאַמע ליב דעם פּראָפעסאָר מערער און שטאַרקער פון מיך?

– ניין, – פאַרטראַכט זיך אַפילו ניט דער זקן. – ניין, ס'איז ניט צום פאַרגלייכן. אַז זי

האָט אים ליב, דעם פּראָפעסאָר, מיט איר גאַנצער גרויסער נשמה, אין דעם קאָן קיין ספק ניט זיין. זי איז גרייט פאַר אים אָפּגעבן איר לעבן, אָבער איר כבוד פאַר אים, וועט זי ניט אָפּגעבן... דאָס ניט! און פאַר דיר, פריידעלע, און פאַר דיר האָט זי זיך געלאָזט פאַלן... פאַר דיר האָט זי אָפּגעגעבן איר ריינקייט דער טומאה. איר טהרה, איר קדושה... איר ליבשאַפט צו דיר, פריידעלע, איז אַ העכערע, דאָס איז ליבשאַפט פונעם מיזבח הקודש, פונעם קדשי־קדשים! פאַר אָט דער ליבשאַפט פריידעלע, איז נאָך גאָר קיין מענטשלעכער לשון ניטאָ! אָך־אָ, זעסט, גייען זיי, די דייטשן... קום, ניטאָ שוין וואָס צו שטיין... קום, ניטאָ שוין וואָס צו שטיין דאָ ביים טייך, ווו די קעלט איז נאָך גרעסער, קום, קום, פריידעלע, מ'דאַרף אויך צום טויט גיין מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, מיט גרויסער מענטשלעכער ווירדע, דער שונא זאָל דערפילן דיין העכערקייט, דיין גייסטיקע גבורה, און ער זיין נידעריקייט און געמיינקייט, זיין פאַרדאָרבנקייט, מיאוסקייט און גייסטיקע צעפוילטקייט... קום!

און זיי, פרידקע מיטן זיידן, און שפּעטער אויך ער, ירמהלע, וואָס האָט די מאַמע ניט געקאָנט דעריאָגן און איז אין מיטן וועג צו איר פאַרלוירן געבליבן שטיין, און מנחם האָט דאָס אייניקל אויף די הענט גענומען, און אַלע דריי האָבן זיך אויך אַהין־צו, אויף רעכטס, אויפן באַרג אויפגעהויבן, ווו פון דער נידער, ווי פון אונטער דער ערד, גייט אויף אַ רויטע, אַ גרויסע, אַ קיילעכדיקע זון, און די שנייען נעמען שפּריצן מיט פייערדיקע פונקען אין די אויגן אַריין. צווישן די גריך־פאַרשנייטע יאָדלעס פין־פינקעט שוין זייער אויפגעלייגט אַ בלויערל.

– סאַראַ שיינקייט, – זאָגט מיט התפעלות דער אַלטער מאַקאָווער, וואָס אין אַזאַ פרימאָרגן פלעג ער, דער טשערנאָבילער חסיד, שטיין ביי זיך אין שטוב, ביים פענצטער אין אַלקערל, מיטן פּנים צו דער אויפגייענדיקער יונג־ווינטערדיקער זון איבערן אָנגעשנייטן סטעפּ, קלאַפּן מיט די פינגער אין טאַפּליע און זינגען: ממזרח שמש עד מבואו מהלל שם ד'... – סאַראַ שיינקייט, זעט נאָר קינדער, זעט נאָר סאַראַ שיינקייט! ירמהלע, איך מוז דיך אַראָפּלאָזן פון די הענט, ניטאָ שוין מיינע כוחות... אַ פּנים אַז זייערע הינט האָבן אונדז דערזען און זיך נאָך שטראַקער צעבילט. די דייטשן זאָלן זיי כאָטש ניט אָנרייצן אויף אונדז. קום, פריידעלע, קום, וואָס ביסטו אַזוי שטיין געבליבן, וואָס האָסטו דאָרטן פּלוצלינג אַזוינס דערזען?

און זי, פריידקע, איז טאַקע פאַרשטאַרט און פאַרשטיינערט געוואָרן: די מאַמע איז שוין גאָר ניט צו פאַרשטיין. ערשט ניט לאַנג, נאָכן אומקערן זיך פונעם וואַלד, נאָכן ראַטעווען זי, פריידקען פון יענעם בורמילע, נאָכן אַרויסרייסן זי פון יענעמס הענט און פאַרבלייבן מיט אים דאָרטן, אונטערן דעמב... נאָכן אומקערן זיך אין שטאַל אַריין, זיצנדיק מיט אים, מיט "ראַפּין" ביים פלאַקערנדיקן אויוועלע, האָט זי דאָך אים געזאָגט: "דיין ווייב וועלן איך שוין קיין מאָל ניט ווערן"... און פּלוצעם דערזעט זי דאָ, פריידקע, ווי די מאַמע אירע איז צו אים, צום פּראָפעסאָר, וואָס שטייט צווישן צוויי דייטשן און האַלטן קוים איין די בילנדיקע הינט אויף די קייטן; זי, די מאַמע אירע, איז צוגעלאָפן צו אים, צו רפאלן וואַלאַך, מיטביידע הענט אַרומגענומען און צוגעפאַלן צו אים... האָט דאָ ווידער זי אַרומגעכאַפּט, פריידקען, יענער פאַרדראָס און באַליידיקונג פאַר איר טאַטן, וואָס וועט קיין מאָל פון איר לעבן ניט אַרויסגיין, תמיד הערן זיין קרעפּטיק־מילדן קול, פילן איר האַנט אין זיינער, ווי בשעתן פירן זי קליינערהייט, אַלע פרימאָרגנס, אין שול אַריין... ער, איר טאַטע, מיטן שיינעם נאָמען שאול, ער ליגט ערגעץ דאָרטן, אויפן

ווייטסטן צפון, אין דער אייביק פֿאַרפֿרוירענער ערד.

און אויך ער, דער אַלטער מאַקאָווער, וואָס זוכט און געפֿינט כּסדר אַ זכות אויף איר, אויף טעמערלען, אויך ער בלייבט דאָ שטיין, קוקט אויך אַהין־צו, וווהין אירע, פֿריידקעס אויגן, זיינען געווענדט, און הגם די זון, און די שניי־בליצן, שלאָגן אים אין די אויגן אַריין, דאָך דערזעט ער מיט זיין שוואַכער, דערצו נאָך פֿאַרבלענדטער ראיה, ווי זיין געוועזענע שנור, די מאַמע פֿון זיין זונס, פֿון שאולס קינדער, ווי זי, טעמערל, הענגט ממש אויף יענעמס האַלדז... פֿאַרקלעמט אים אויך, דעם זקן, דאָס האַרץ ביז ווייטיק.

– זיידע, פֿריידקע, קומט, – בעט זיך ביי זיי ירמהלע. – וואָס זיינט איר דאָ געבליבן שטיין? קומט.

– באַלד, ירמהלע, – זאָגט מנחם. – באַלד וועלן מיר גיין.

און צו איר, צו פֿריידקען:

– איך פֿאַרשטיי דיך, הוי, ווי איך פֿאַרשטיי דיך, פֿריידעלע, אויך מיין האַרץ גייט אָפּ ניט מיט בלוט, נאָר מיט טרויער... דיין טאַטן, מיין זון, שאולן, האָט דער שוואַרצער שטן המשחית, דער רוח הטמאה, דער קאַווקאַזער שפּאַרבער, געהרגעט... פֿאַר וואָס? אַוודאי איז אונדזער ווייטיק גרויס, אין לשער, ביז צו די הימלען שרייען... אָבער וואָס איז זי דאָ, די מאַמע דיינע, שולדיק? האָט זי זיך דען קאַרג פֿון דעם אָנגעליטן און אָנגעווייטיקט? פֿינעף יאָר געהאָפֿט און געוואַרט... געלאָפֿן אין מאָסקווע זיך עפּעס־וואָס פֿון אים, פֿון שאולן, דערוויסן, ווייל אין איינער אַ נאַכט דערזען אים, שאולן, ליגן אויף אַ באַרג מתים, אויף געלע שאַרבנס און ביינער... און גראָד דעמאָלטן, אויף איר וועג קיין מאָסקווע, געטראָפֿן זיך מיט אים, מיטן רבס איניקל... איז דאָס גורל! אַ באַשערטע זאַך!

– זיידע, קום, איך וויל צו דער מאַמען.

– מיר גייען שוין, ירמהלע, מיר גייען שוין! האַ, דו זאָגסט עפּעס, פֿריידעלע?

– זיידע מיינער, ליבער און האַרציקער, מיטן געדאַנק קאָן איך דאָס אויפֿנעמען, אָבער מיטן האַרצן...

– קום פֿריידעלע, קום, די דייטשן קאָנען אָפּלאָזן און אָנרייצן אויף אונדז זייערע הינט, די וועלף! דיין מאַמע טאָר מען ניט מישפּטן. זי האָט שוין אויך זיך געזען ליגן אויף אַ באַרג מתים... פֿאַר דיין מאַמע איז שוין קיין פּחד פֿאַרן טויט ניטאָ. זי האָט שוין אַריבערגעשפּאַנט דעם פּחד! איר, וואָס אַ גאַנץ לעבן האָט זיך געדאַכט, אַז אָט פֿאַלן אויף איר אָן די רוצחים, זי, וואָס האָט געטראָגן אַלע אירע יאָרן, פֿון קליינערהייט, דעם פּחד פֿון טויט אין אירע ביינער... און אַז די רוצחים זיינען שוין אָנגעפֿאַלן, איז זי אָן שום שרעק געלאָפֿן צום לאַגער, צו די דייטשן, געפֿינען דאָרטן רפֿאלן... פֿאַר איר איז שוין קיין פּחד פֿאַרן טויט ניטאָ! פֿאַר איר איז פֿאַראַן אין דער וועלט נאָר ליבע, ליבשאַפֿט, מסירת נפֿש. דו זעסט, פֿריידעלע, אַפֿילו אָ די אויסוואָרפֿן, די דייטשן, זיינען צעטומלט געוואָרן, געבליבן שטיין פֿאַר אַזאַ איבערגעגעבנקייט, פֿאַר אַזאַ ליבע... גוט, ירמהלע, כ'וועל דיך נעמען אויף די הענט. דו האָסט מורא פֿאַר די הינט?

– ניין, זיידע, ניט פֿאַר די הינט האָב איך מורא, נאָר פֿאַר די דייטשן... זיי הרגענען דאָך, זאָגן אַלע, אויך קינדער, די מאַמעס מיט די קינדער... פֿאַרוואָס, זיידע הרגענען זיי אונדז? איך וויל לעבן... איך וויל אַז מיין מאַמע זאָל לעבן, אַז דו זאָלסט לעבן, אַז פֿריידקע זאָל לעבן. פֿאַרוואָס זיידע, הרגענען זיי אונדז? און ווו זיינען מיינע ברידערלעך, תנחומקע און עזריאלקע, ווו זיינען זיי?

און דער זיידע ענטפֿערט ניט, נעמט אים מיט אַ שווערן קרעכץ אויף די הענט, און

לאָזט זיך מיט אים גיין. און דאָ טוט ער פּלוצעם אַ פרעג, ירמהלע, ביי פריידקען:

- און דו ביסט מקנא דער מאַמען?

- איך? - פרעגט זי דערשראָקן. - איך בין מקנא דער מאַמען?

נאָר אין איר דערשראָקענעם קול דערפילט אָבער דער זקן, אַז דאָס קינד האָט דאָ נאָרוואָס נאָך איין גרויסן אמת געזאָגט. פון איר, פון פריידקען, רעדט אויך אַרויס אַ ווייטע, אַ טיפע קינאה, אין וועלכע זי אַליין, פריידקע וועט ניט קאָנען אין דעם זיך מודה זיין. פון דער טאָכטערס נשמה שלאָגט אַרויס די גרויסע ליבשאַפט, אָבער אויך אַ טיף-פאַרבאָרגענע קינאה צו דער מאַמען... ליבשאַפט און קינאה גייען אָפט צוזאַמען, אויף גיט צעשיידן זיי.

- זיידע, קום גיכער - און נעמט שרייען: - מאַמע! מאַמע!

און טעמערל, ווי נאָר ירמהלעס קול דערהערט, אַזוי ווערט זי דאָרטן מיט אַ מאָל אויסגעניכטערט, און דערצו נאָך האָט רפאל זי פּלוצעם פון זיך אָפּגעשטויסן, ווייל דערזען ווי די צוויי באַגלייטערס זיינע, די צוויי דייטשן, וואָס זיינען אַזוי ענלעך איינער אויפן צווייטן, ווי אַ צווילינג, בייביידן נידעריקע שטערנס מיט גרוי-וואָסערדיקע אויגן, ביידע מיט וואָנצעלעך, אין לאַנגע שינעלן מיט שוואַרצע פּאָגאָנעס, מיט גרויסע טויט-שאַרבנס אויף די היטלען, זיי, די ס.ס.-לייט, האָבן די אויטאָמאַטן-ביקסן אָנגעשטעלט אויף פריידקען, אויפן אַלטן, וואָס מיט דעם זאַק אויף די פּלייצעס און מיטן קינד אויף די הענט, שוין גרייט געווען צו שיסן... נאָר דער פּראָפעסאָר וואָלאַך האָט זיך דאָ פאַר זייערע ביקסן געשטעלט און זייער רואיק, די צוויי פאַרשוינען, די ראַסן-זכרים, דערמאָנט, אַז זייער אויבערלויטענאַנט האָט דאָך זיי באַפוילן צו ברענגען אים, דעם פּראָפעסאָר, און אויך די פרוי זיינע מיט די צוויי קינדער, און אויך דעם אַלטן פאָטער, צום געביטס-קאָמיסאַר, צום מאַיאָר, לעבעדיקע און ניט געשעדיקטע.

- יאַ וואָל, הער פּראָפעסאָר... באַפעל איזט באַפעל!

- יאַ וואָל... זאָגט אויך דער צווייטער, נאָר מיט אַ קרומען שמייכל.

- יאַ וואָל, הער אָבערסט דער ראָטער אַרמיי... באַפעל איזט באַפעל! און שוין שטיל, און פאַרשטעלט, נאָר דער פּראָפעסאָר וואָלאַך כאַפּט אויף דעם מיין: די יידן וועלן זייער טויט האָבן דאָרטן... - און ווידער אויף אַ קול: יאַ, הער אָבערסט, דער אומבאַזיגטער ראָטער אַרמיי...

- נו, - זאָגט שוין דער פּראָפעסאָר, און אויך מיט אַ קרומען שמייכל. - ווער אין אָט דער קריג וועט דער זיגער זיין, דאָס איז נאָך ווייט ניט קלאָר.

- וואָרום? וואָרום ניכט?

- די שלאַכטפעלנער פון דער רויטער אַרמיי ליגן נאָך ניט ביי היטלערס פיס...

- שווייגן! - און כאַפּט פון דער אָפענער קאַבורע אַרויס דעם פּאַראַבעלום.

- לאָז מאַל, פריץ, באַפעל איזט באַפעל! - און הייסט זיי גיין פאָרויס.

און זיי גייען, די פינעף אירע, איבערן אָנגעשנייטן, פון די ווינטן איינגעשטילטן, בלענד-ווייסן וואַלד, ווייסן ניט וווהין און ווי ווייט וועט דער גאַנג זייערער זיין. ירמהלע שפּאַנט שוין לעם דער מאַמען, האַלט זי שטאַרק, מיט אַלע זיינע כוחות פאַר דער האַנט, זי זאָל פון אים שוין אין ערגעץ ניט אַוועקגיין... און זי, טעמערל מאַקאָווער, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל ווידער דאָ דערזען אויף אַ באַרג מתים ליגן... די רוצחים, וואָס פון קליינערהייט הינטער אירע פּלייצעס געפילט, זיי, יענע רוצחים, גייען דאָך שוין טאַקע, און מיט די אָנגעצילטע ביקסן אין די הענט, ניט נאָר הינטער אירע, נאָר אויך הינטער

די קינדערס, און אויך הינטער די פּלייצעס פון איר גרויסן פּעטער מנחמען, און אויך הינטער זיינע, ראַפּיס, פּלייצע... זייערע אַלעמענס לעבן הענגט שוין אויף אַ האָר, צאַפּלט אין די הענט פון די מערדער.

און וואָס קלאָרער און ממשותדיקער זי זעט זיך אויף דעם באַרג מתים ליגן אַלץ אַ גרעסערע שיינקייט און פּראַכט, וווּנדער און כּישוף, רייץ און חן פאַרכאַפּט איר נשמה, אַלץ שטאַרקער נעמט שלאָגן אין איר דער דאָרשט נאָך פרייד, נאָך לעבן... לעבן... לעבן... זי קאָן גאָר איר אויג ניט אָפּרייסן פון דער זון, וואָס הייבט זיך אַלץ העכער אַרויף, אין די לויטער־אויסגעבלויטע הימלען, ממש פריילינגדיקע, און אונטער זיי, אונטער אָט די גאָטס הימלען, פינקלען און שפּילן די יונגע שנייען מיט אַלע קאָלירן, פון די אייביק־גרינע יאָדלעס ווייעט נאָך מיט זשיוויצע, און אין די פאַרשנייטע קוסטעס פייפן די שטשעגליקעס, און אויך דער גאַנצער וואַלד זינגט שוין זיין ווינטער־ליד...

און דאָ, פאַרשיכּורטע פון אָט דער אַרומיקער שיינקייט, דאָ באַפאַלט זי, ניט ווילנדיק, יענער שרעקלעכער געדאַנק: און באַלד, און אין איין סעקונדע, אין אַ פינטל פון אַן אויג, וועט אָט די שיינקייט מיט אַ מאָל אויסגעלאָשן ווערן, די שניי־בליצן וועלן פאַרשווינדן, און אָט די קיילעכדיקע גרויסע זון, ווי מיט קליוקווע־זאַפט אָפּגעגאָסן, וועט אַריינפאַלן אין אַ שוואַרצקייט, אין אַ תהום, ווו ס'איז גאָר קיין רגע ניטאָ.

– מאַמע, וווהין טרייבן זיי אונדז?

– איך ווייס ניט מיין קינד, איך ווייס ניט, ירמהלע, איך ווייס ניט.

– מאַמע, איך האָב מורא...

– קום ירמהלע, – נעמט אים רפאל וואַלאַך צו זיך אויף די הענט.

– איך וועל דיר פאַרענדיקן דאָס מעשהלע וועגן דעם יידן מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד און די צוועלף גזלנים...

נאָר זי הערט ניט וואָס ער דערציילט דאָרטן ירמהלען אויפן אויער וועגן דעם יידן מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד און די צוועלף גזלנים, און טוט אים דאָ פלוצעם, קוים צו הערן זי, אַ פרעג:

– ראַפּי, די רוצחים האָט אַהער־צו געבראַכט יענער, דער אַבדול, וואָס האָט דאָ געלעבט מיט זיין ווייטן מידבר־ניגון?

– יאָ, טעמערל, ער, אַבדול! פון וואַנען ווייסטו דאָס?

– ווי נאָר מ'האָט דיך אין יענער נאַכט פון וואָגן אַראָפּגענומען, דיך אויפן פערד אַוועקגעפירט, און אונדז איבערגעלאָזט מיטן מידבר־מענטש, וואָס האָט געהאַלטן אין איין ציען זיין פאַרבענקטן ניגון, אַזוי האָב איך שוין דעמאָלטן גלייך דערפילט, אַז אָט דער מענטש מיט דער גרויסער בענקשאַפט נאָך זיין ווייטער היים, וועט אויף אונדז ברענגען דעם גרויסן אומגליק.

– יאָ, טעמערל, אָט דער אַבדול האָט זיי אַהער געבראַכט. ער האָט אָבער דערפאַר באַצאָלט מיט זיין לעבן. איך האָב אים געזען זיך וואַלגערן אַ טויטן.

– אַפנים, – זאָגט שוין טעמערל, ווי פאַר זיך אַליין. – אַפנים, אַז ווער ס'וויל אויף אומשולדיק בלוט בויען זיין גליק, יענער איז פאַרמשפּט צו אומקומען... דאָס איז די גערעכטע שטראָף פון גאָט! ראַפּי, און דעם גענעראַל, אָן די פיס, האָט מען אַרויסגעפירט?

– ניין, טעמערל, ניט אַרויסגעפירט. מ'האָט אים מיט די צעווונדיקטע פיס ניט געקאָנט פונדאַנען אַרויספירן. ער האָט...

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# עלי שעכטמאַן - דער באַזינגער פונעם רוסישן יידנטום

דער באַוווסטער יידישער שרייבער עלי שעכטמאַן, וועמענס פולער יידישער נאָמען איז אלישע בן מאיר בן אַריה הכהן, לעבט און שאַפט שוין העכער 20 יאָר אין ישראל; ער איז עולה געווען פון ר"פ אין 1972.

געבוירן געוואָרן אין פּאָלעסיע, אינעם שטעטל וואָסקאָוויטשי, (1908) האָט ער באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציונג אין חדר און אין זשיטאָמירער ישיבה. שפּעטער, שוין ביים שוועל פון די 1930־ער יאָרן, באַקומען וועלטלעכע אויסבילדונג אויפן ליטעראַרישן פאַקולטעט ביים יידיש־פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אין אָדעס.

ביז דעם אָנפאַל פון דער היטלער־אַרמיי אויפן ראַטן־פאַרבאַנד, געלעבט אין אוקראַינע, אין כאַרקאָוו, און בעתן קריג געווען אין דער אַרמיי (ביז 1947) ווי אַן אָפיציר אויפן פראָנט, ווו ער איז געוואָרן פאַרווונדעט. בעת עס האָט זיך געגרייט אין מאָסקווע דער טייוולאָנישער דאָקטוירים־פּראָצעס איז ער, ווי טויזנטער אַנדערע רוסישע יידן, געוואָרן אַרעסטירט און נאָך סטאַלינס טויט געוואָרן באַפרייט.

ער האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט ווי אַ יידישער שרייבער, זייענדיק אַלט 20 יאָר, אין 1928, ווען עס זענען נאָך געווען אין ר"פ די "זיבן גוטע יאָר" פון יידישן קולטור־אויפבלי וואָס איז נאָך דעם אַזוי גיך און אַזוי גרויזאַם פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט אירע שעפער.

די געציילטע יידישע שרייבער און קינסטלער, וואָס זענען על־פּי־נס לעבן געבליבן בעתן שוידערלעכן טעראָר, האָבן נישט געהאַט ווו ערגעץ צו דרוקן זייערע שאַפונגען ביז עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער יידישער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד", אָנהייב די 1960־ער יאָרן. שעכטמאַן גיט דאַן אַרויס זיין ערשטן בוך פון דער באַרימטער סעריע אונטערן טיטל "ערב".

דאָס בוך איז צו מיר דערגאַנגען סוף 60ער יאָרן, וואָס איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבעראַראַשונג. אַ סאָוועטיש יידישער שרייבער האָט זיך פאַרמאָסטן אונטערן

---

- און דו, ראַפי, - שלאָגט זי אים איבער. - דו האָסט דאָך געקאָנט אַוועקגיין מיט זיי, מיט די פּאַרטיזאַנער!

- דער קאָמאַנדיר האָט באַפוילן אָפּטרעטן, - רעדט רפאל וואַלאַך ווייטער, ווי טעמערלס רייד ניט געהערט... - באַפוילן אַוועקגיין טיפער אין די וועלדער אַריין... און זיך אַליין געבנומען דאָס לעבן. ניט געוואָלט אַריינפאַלן אַ לעבעדיקער אין זייערע הענט.

- ראַפי, דו ביסט דאָך צוליב מיר געבליבן? דאָס הייסט אויך נעמען זיך אַליין דאָס לעבן... ראַפי, מ'טאָר זיך אַליין דאָס לעבן ניט נעמען. יעדער רגע לעבן איז הייליק... מ'דאַרף מיטן גאַנצן האַרצן דאַנקען דעם וואָס לעבט אייביק פאַר יעדער רגע לעבן, פאַר יעדער שטראַל פון דער זון, וואָס שיינט אָפּ פונעם שניי אין די אויגן, מ'דאַרף בענטשן יעדער פייגעלע פאַרן פייף אין די פאַרשנייטע קוסטעס... מ'טאָר זיך אַליין דאָס לעבן ניט נעמען, מ'טאָר זיי ניט מיטהעלפן... מ'טאָר ניט!

- שווייגען! שנעל, שנעל, שטינקענדע יודען!! שטילשווייגען!

- אַן עבירה, - זאָגט דער אַלטער מנחם מאַקאָווער אויף אַ קול - אַן עבירה, וואָס איך האָב דאָ ניט מיין קאָלון... איבערגעלאָזט אין די קאַמישן.

טיטל "ערעוו" (אינעם סאָוועטישן אויסלייג), שילדערן - אונטער דער מאַסקע פון דער רוסישער רעוואָלוציע פון 1905 - דאָס בליענדיק־יידיש לעבן אין טראַדיציאָנעלער פאָרעם, מיט דער פשטות פון פאָלקס־נוסח, דורך וועלכן עס אַנטפּלעקט זיך די לעבעדיקע, אַלטע יידישע היים מיט איר נשמהדיקער לויטערקייט און שיינקייט. אין דער צייט פון גרויזאַמען חורבן פונעם יידישן לעבן און שאַפן און ר"פ, האָט שעכטמאַן געוואָגט צינדן נשמה־ליכט פאַר די דורות גרויס־וווּנדערלעכע יידן, וועלכע ער האָט באַטיטלט - דער ב אָ י אַ ר ן - ש ב ט.

זיינע העלדן געהערן צום אַלטן און אויך יונגן יידישן דור, וועלכער רייסט זיך צו אַ ניי לעבן. שוין אין ערשטן באַנד "ערב" זעט מען, אַז דער ריכטער ברענגט אַרויס אונטער דער מאַסקע פון 1905 דאָס וואָס ער לעבט דורך צוזאַמען מיט די מיליאָנען יידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. אַפילו ווען דער פּריסטאַוו רעדט, איז עס נישט געמיינט וועגן צאַרישן רוסלאַנד, נאָר וועגן קאָמוניסטישן, ווען ער זאָגט: "די שרעק גייט פון דאָרטן, פון אויבן... פון דער הייך... דאָרטן זענען זיי נאָך מער דערשראָקן... איינער האָט מורא פאַרן אַנדערן". און דער מחבר לייגט אַריין אין מויל פון זיין העלד, דניאל: - "זיי גיבן גוט אַכטונג, אַז דער פּחד זאָל נישט אַרויס פון די הייזער... וואָס מער פּחד פון אונטן, אַלץ זיכערער איז מען אויבן".

דניאל, אויף אַן אַנדער אָרט, גיט נאָך צו: "זיי מעגן דאָך אַלץ... זיי זענען דאָך די פאָרשטייער פון געזעץ... זיי, די מערדער, האָבן געזעצלעכע תלינים, געזעצלעכע תפיסות, פאַרשיקונגס־ערטער"...

אין אָט דער ראַם פּאַסט זיך אַזוי גוט אַריין יצחק באַיאַרס בילד פונעם יידישן מצב אין באָלשעוויסטישן רוסלאַנד: "מיר זיצן ביי די טייכן פון בבל און מיר דאַרפן נאָך אַלע טעג זאָגן: " מה טובו אהליך יעקב".

אין מיין בוך "א ו י ף ן צ ע ש י י ד ו ו ע ג", האָב איך זיך ברייטער אָפּגעשטעלט אויף דעם טיפּזאַזש, פּייסאַזש און פּראָבלעמאַטיק פון ערשטן באַנד "ערב". אין די פינף ווייטערדיקע בענד און אין "רינגען אויף דער נשמה" "פּרילינג סאָנאַטע", "ביים שקיעה־אַקער", וואָס איז אָקערשט דערשינען אין ניו־יאָרק, און פאַרדינט אַ באַזונדערע אָפּהאַנדלונג, ווערק וועלכע שעכטמאַן האָט געשריבן אין ישראל, האָט ער ערשט געקענט ברייטער פונאַנדערנעמען זיינע קינסטלערישע הענט און בויען דעם מאָנומענט פאַר דעם רוסישן יידנטום, וואָס איז געווען דאָס האַרץ און נשמה פון יידישן פאָלק ערב די אַלע רעוואָלוציעס, איבערקערענישן, אויפטרייסלונגען, וואָס האָבן חרוב געמאַכט אַ דורותדיקע איינגעפונדרעוועטקייט פון מיליאָנען שעפערישע יידן איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד.

שעכטמאַן האָט אַן אויסערגעוויינטלעך רייך יידיש לשון, איך וואָלט עס באַצייכנט ווי אַ פילפאַרביק־מאָדולירט־דערציילעריש־לשון, געבויט אויף אַ דינאַמיש־דראַמאַטישן פאָרנעם פון אַ קייט איבערלעבענישן, פּאַסירונגען, באַגעגענישן. זיינע עפּאָפּעע־ראָמאַנען נעמען אַרום געשיכטלעכע פּעריאָדן פון ערב דעם באָלשעוויסטישן אָקטאָבער; בירגער־קריג צווישן די "רויטע" און "ווייסע", הייראַמאַקישע פּאָגראָמען צוליב וועלכע אַזוי פיל יידן, בפרט פונעם יינגערן דור, האָבן גראַוויטירט צום קאָמוניזם. און אָט פון די עלטערע און יינגערע דורות האָט שעכטמאַן אויסגעפּורעמט זיין גרויסע גאַלעריע טיפּן, געשטאַלטן - זייער צאָל ממש אַ לעגיאָן! - מיט וועלכן ער האָט באַפעלקערט זיינע גרויסע און צאָלרייכע ווערק.

שעכטמאַן ציט זיין גייסטיקע יניקה, זיינע קינסטלערישע כוחות פון זיידעס זיינע אויף ישיבה־בענק; פון אַ זיידן, וואָס האָט ביי זיינע שווער אויסגעהאָרעוועטע יינציקער יאָרן זיך געלאָזט קיין ארץ־ישראל צו דער מערת־המכפלה. און אַנדערע זיידעס פון פּאָלעסיע, וואָס האָבן אין טלית־קטנס, צוזאַמען מיט זייערע זין, געאַקערט די ערד, געקאָסעט די זאַנגען, דערביי געזונגען זמירות צום באַשאַפער פון דער וועלט.

דאָס זענען געווען – ווי ער שילדערט זיי – ערד־און־וואַלד־יידן, מיט שטאַרקע רוקנביינער, אייזערנע ווילנס, בעלי־בתים איבער זייער וואָרט. זיי האָבן געקאָנט אָפּרוימען פון וועג אַלערליי שטערונגען, און אויב מ'האָט באַדאַרפט – פאַרברענען אַלע בריקן הינטער זיך און גיין אויף מסירת־נפש.

שעכטמאַן שילדערט אָט די אויסטערלישע דורות, ווי זיין טאַטן וואָס האָט בייטאָג געוואָלט קויפן די לבנה אויפן מאַרק, ביינאַכט געחלומט פון משיחן, און יעדע נאַכט געלייגט דעם שופר צוקאָפּנס, כדי האָבן אים גרייט פאַר ביאַת המשיח.

ער שילדערט זיין מאַמען, וואָס שטאַמט פון די נ אַ ה אַ ד י ע ר, ביי וועלכע קיין קינדער האָבן זיך ניט געהאַלטן, און זי האָט ביים קינד, אלישע, געזאָגט צו גאָט: "ניין, רבונו־של־עולם, דאָס קינד וועל איך דיר ניט אָפּגעבן, האָסט שוין ביי מיר דריי צוגענומען, מער גיב איך דיר ניט. הערסטו, גרויסער גאָט אין הימל! מיך קאָנסטו נעמען, נאָר קיין קינדער גיב איך דיר ניט מער! און זי האָט, ווי מיר ווייסן, ביי גאָט געפּועלט...

פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע פּרטים אין די ביכער, לייענען מיר וועגן זיין פרוי שיינדל, מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין ישראל, אַוועק אין דער אייביקייט, און ווי ער צייכנט זי, איז מקויים געוואָרן וואָס ער האָט געזאָגט צו איר ביים באַקענען זיך: "דו וועסט זיין דאָס שיינע ליד פון מיין לעבן", און זי איז עס געוואָרן. איר נשמה – אַ בונטאַרישע, ווי זיינע, גאָר יונג פאַריתומט, ביי 15 חדשים אָן אַ טאַטן, געטראָפן זי ווי אַ יונגע אַקטריסע אין דער כאַרקעווער טעאַטראַלער סטודיע "רויטע בליטן".

ער דערמאָנט זייער טאָכטער, ראַליע, איר מאַן אַן אוזבעק. אויף איין אָרט טוט דער טאַטע אַ זאָג וועגן איר און וועגן זיך, (ווי אין דריטער פּערזאָן) אַז אלישע בן מאיר און ראַליע זענען גרייט צו שטעלן זיך פאַרן משפט פון די קומענדיקע דורות צו דערציילן פון יענער צייט... ער שרייבט: "ער (אלישע) איז דאָך געווען אַ לעבעדיקער עדות פון עטלעכע גילגולים זיינע דאָ אויף דער ערד. ניט איין מאָל, טאַקע על־פּי־נס, ווי דורך אַ העכערן כוח, ניצול געוואָרן, ווי מ'וואָלט אים פון דאָרטן, פון הימל געהיט פאַר עפּעס אַ וויכטיקער שליחות".

אין זיינע ביכער האָט שעכטמאַן אַ גאָר האַרבע דין־תורה מיט די ישראלים וועגן יידיש לשון, פאַר וואָס דער העברעישער שרייבער־פאַראיין האָט אים נישט געוואָלט אַריינעמען, מחמת ער שרייבט נישט אין בן־יהודה־לשון... פאַראַן האַרבע רייד קעגן יענע פון באַיאַרן־שבט אין ראַטן־פאַרבאַנד, וואָס זענען געוואָרן "שישקעס" אין קאָמוניסטישן אַפּאַראַט, ווי טאַמאַרע, די געוועזענע קאָמיסאַרשע פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל, שמואליק, דער רויטער קאָמאַנדער און דאָניאלי, אַ דרייצניעריקער אויפגייענדיקער פייער אין דער משפּחה באַיאַרן, וואָס זענען אַוועק פון זיך אַליין, פון אייגענעם וואָרצל זיך אָפּגעריסן... זיי האָבן עס שפּעטער אויך אַליין איינגעזען, צו שפּעט אָבער... מיר זעען ביי שעכטמאַנען מער אָנמערק, רמז, ווי טייטש און דערקלער.

די פון זיינע טיפן, וואָס שיינען צו זיין מיט אַ "קלעפּקע" אין קאָפּ, זאָגן אַרויס אינערלעכע טיפע אמתן, ווי עס טוט אַבנר, וואָס ווייזט אָן מיטן פאַרבלוטיקן פינגער

זיינעם, אַז "אין דער היים איז קיין וועלט ניטאָ, און אין דער וועלט איז קיין היים ניטאָ". אָט דער טיפער זאָג גייט דורך ווי אַ רעפרען אויף פאַרשיידענע ערטער פון זיינע ביכער.

אין אַנדער טיפּ, דער משוגענער פּיטשע, איז אַרויפגעשפּרונגען אום יום־כּיפּור ביי נעילה אויפן בעלעמער און געוואַלדעוועט: - דו, דו, דו! וועלט. ביסט פול מיט שנאה, מיט קנאה, מיט רציחה, מיט בלוט... און דער העלד אברהם באַיאַר, וועמען מע וואַרפט פאַר, אַז ער גלייבט ניט אין גאָט, שליידערט צוריק מיטן גאַנצן ברען: ס'אַ ליגן! איר גלייבט ניט! דער וואָס גלייבט אין גאָט, שלאָגט זיך מיט אים, קריגט זיך מיט אים, ראַנגלט זיך ווי יעקב אבינו דורכן גערא‍ַנגל מיטן מלאך (אין חומש בראשית). שעכטמאַנס באַיאַרן גלייבן מיטן גאַנצן ברען פון האַרצן, ווי נאָר אַ באַיאַר קען. אַזוי דער עלטערער דור, אויך דער יינגערער דור - נאָר שוין אין מענטשלעכע אידעאַלן.

דער מחבר מעדיטירט אַ סך וועגן דער מענטשלעכער נשמה מיט איר גרויסן, טיפן זיכרון. אינעם יונגן מענטש זעט דער דיכטער זיין אייגענעם ווייטן נעכטן, אַ געשריפט פון זיין נשמה מיט אַלע אירע אומדערקלערטע זאַכן, חלומות, וואָס קומען פון די קינדישע זכרונות, די ווייטע אינעם נעפּל. אין די כאַראַקטעריזאַציעס פון זיינע יידישע געשטאַלטן פונעם עלטערן דור איז פאַראַן אַ פריילעכער שמייכל אויף די ליפּן, טיפער טרויער אין די בלויע אויגן... דער ליריזם פון יסורים אין שעכטמאַנס ביכער שטייגט דאָך איבער די יסורים גופא.

אין די שוידערלעכע יאָרן פון וואַנדער און וואָגל האָבן שעכטמאַנס העלדן געלערנט נישט אָנצונעמען פּאַסיוו זייער גורל־גיהנום־לעבן. אין די שוואַרצע טעג און יאָרן האָבן זיי געשעפּט פון די ווײ־און צאַרן־ברונעמער כּוחות פון גלויבן און אויסדויער - צו דערהאַלטן זיך ביים לעבן. אָט איז אַ שילדערונג פון אַ פרוי פון באַיאַרישן שבט, וואָס טוט זיך קוים דערשלעפּן מיט אַ קלומיקל צו דער באַן - ווען גאַנץ רוסלאַנד האָט אויסגעזען צו זיין הינטערוועגנס. זעט זי ווי דער מאַשיניסט פון לאָקאָמאָטיוול שטייט אין טיר און הינטער אים פלאַקערט דער קעסל־אויוון. דאָס פייער דערמאָנט איר אין אַ שטוב. אויף אַ טיש - ברויט מיט דעם זוריקן סאַמאָוואַר; אויך אַ בעט מיט אַ קישן צוקאָפּנס, אַלץ, פון אַ גאָר ווייטן חלום, וואָס שלאָגט זיך אָפּ מיט אַזאַ בענקשאַפט אין אירע אויגן. בלייבט זי שטיין פאַרן מאַשיניסט און קוקט צו אים אַרויף מיט אויגן, וואָס בעטן אָן אַ קול, ער זאָל זי אויף דעם פאַראַוואָזל אַרויף לאָזן. דאָרט, ביים פייער, כאָטש אַ ווינקעלע געבן. און דער מאַשיניסט האָט אין אירע אויגן דערזען אויגן פון אַ פרוי, וואָס האָט שוין איר מזל פאַרשפּילט, אַלצדינג אין לעבן שוין פאַרלוירן...

צווישן די געדיכטע פאַרבן פון גרויזאַמקייט ביי די "קנעפּלער" פון מערדערלעכן רעזשים, טאָקע ביי די לייט פון נ.ק.וו.ד. (וועמענס "מיידלשער" נאָמען האָט געהייסן: טשעקאַ) האָט אַ מאָל אויך געקאָנט געשען אַזאַ נס אין טורמע, ווו די ענקאַווידיסטקע האָט זיין העלדין, שעווע, צוגעטראָגן אַ גלאָז קאַלטע זיסע טיי, נאָך אַ פונק פון מענטשלעכקייט, ווי אַ ברילי‍אַנט צווישן מיסט ביי "יענע"... דער מחבר האָט אויסגעגראָבן אין קאַטאָרגע־באַרינגונגען אויך אַ זעלטענעם פאַל, אַ פונק נאָך פון אַ מענטש, אַ מלאך, אין יענע באַרינגונגען אָפּצוראַטעווען אין די לעצטע מינוטן אַ מענטש פאַר יציאת נשמה... און אַ צווייטע זייט פון יענער מערדעלעכער צייט, ווען משפּחהדיקייט, בלוטקרובהשאַפט איז צעריסן געוואָרן דורך מוסרים... מענטשן זענען געלאָפן פון זיך, אַנטרינען צו ווערן פון אַ "וועלפישער" וועלט.

פֿאַראַן אין שעכטמאַנס ווערק אַ מאַמע־געשטאַלט, וואָס רופֿט זיך איבער מיט שלום אַשס מאַמע אין זיין בוך "וואַרשע". ביי שעכטמאַנען איז זי פֿאַרקערפּערט אין דער אומפֿאַרגעסלעכער קרעאַציע פֿון דער מומע ליבע. זי איז די טרייסטערין פֿון דער משפּחה, די שטאָלצע, מיטן גוטן שמייכל אויפֿן עקשנותדיקן פּנים, מיטן שטענדיקן, אַפֿילו אין די שווערסטע שעהן. לעבנסדראַרשטיקן צאַפּל אין די קאַרע אויגן.

שעכטמאַן האָט אויך, ווי שלום אַש אין "קידוש השם", געשילדערט אַ יידישן אַרענדאַר, וואָס האָט אַ קרעטשמע געדונגען ביי אַ פּריץ, וועלכער הערשט איבער אים. אָבער אין קעגנזאַץ צו שלום אַשס אַרענדאַר טאַנצט ער נישט פֿאַרן פּריץ נאָר דערקלערט: היינט בין איך ניט קיין אַרענדאַר... אַן אַרענדאַר בין איך אַ גאַנצע וואָך... שבת בין איך ניט קיין אַרענדאַר. שבת בין איך דער י י ד לוי־איסר.

שעכטמאַן האָט באַזונגען זיינע פּאָליעסער יידן, וואָס האָבן געטראָגן אין זייערע נשמות אַזוי פֿיל גוטסקייט, רחמים, ליבשאַפֿט. יענע יידן, זאָגט דער מחבר, זענען באַשאַפֿן געוואָרן נישט פֿון ליים, נאָר פֿון שטיין און זיי זענען מיט זייער לייב און לעבן געשטאַנען אין אַ ביטערן גערעַנגל און פֿייערדיק געקעמפֿט פֿאַרן קיום פֿון פֿאָלק.

שילדערט ער זיינס אַן עלטער־עלטער זיידע, וואָס האָט ביי זיינע 113 יאָר נאָך אַ מאָל געפֿייערט זיין בר־מצווה! ביז צו זיין לעצטער רגע געווען דער בעל־יועץ אין דער משפּחה, אַלע שמחות באַשיינט, דורות צו דער חופּה געפֿירט, אויף אַלע בריתן סנדק געווען.

שעכטמאַן האָט געגאַרט צו אַנטפּלעקן אין זיינע קינסטלערישע ווערק פֿאַר די קומענדיקע דורות דאָס גרויסע ליכט פֿון די גלות־יידן, פֿון די, ווי זיין טאַטע, וואָס האָט צום זון געזאָגט: אַז ס'גיסט זיך, מיין קינד, בלוט אויף דער ערד, גיסט זיך אויך בלוט אויפֿן הימל... און דאָס איז דאָך געווען דער גלויבן נישט בלויז פֿון אַ יחיד, נייערט פֿון אַ פֿאָלק, וואָס האָט געגלויבט, געזוכט דערלייזונג פֿון יידישן גורל און פֿון דער וועלט.

אין שעכטמאַנס עפּאָפּעע הערט זיך כסדר, ווי אַ רעפֿרען, דאָס קול פֿון זיין אַלטן מלמד, ר'שמואל יאָסל, וואָס האָט איינגעטענהט אין אים: גורל, אלישע, גורל. דעם גורל קען אַ מענטש ניט מתקן זיין. אין אַ פֿינצטערן גורל, אלישע, קען מען שוין קיין ליכט ניט אָנצינדן. אין אַ פֿינצטערן גורל וועלן זיך אַפֿילו פֿאַרלעשן די ליכט פֿון בית־המקדש. אַז מ'ווערט געבוירן אין חודש אלול, שוין ביי דער שקיעה, ליגט מע שוין דאָס גאַנצע לעבן אין דער קאַלטער ערד... און דאָך גיי איך נישט צושרייבן דעם מחבר אַ גורל־פֿאַטאַליזם! האָבן דאָך זיינע העלדן נישט אָנגענומען פּאַסיוו זייער גורל־גיהנום־לעבן. מיט ציין און נעגל האָבן זיי זיך געראַנגלט פֿאַר זייער יידישער און מענטשלעכער ווערדע. זיינע רוסישע באַיאַרן־יידן האָבן בעת די "שוואַרצע" יאָרן פֿאַר קיינעם זיך ניט געבויגן און ביי די שוידערלעכסטע אַכזריותן דעם בטחון קיין מאָל נישט פֿאַרלאָרן. אָבער דער מחבר האָט קענטיק דורכגעמאַכט אַ געראַנגל צווישן זיין פּעסעמיזם, מעגלעך, אַן איינגעבוירענעם, מיט זיין העראָישן אָפּטימיזם. אויף איין אָרט באַמערקט ער: יעקב (אבינו) האָט זיך געקענט ראַנגלען מיט אַ מלאך. אָבער מיטן שטן וואָלט ער עס ניט באַוויזן: "ניין, אלישע, דעם שטן, אָדער דאַרפֿסט זיך אונטערגעבן, אָדער אַ קלאַפּ טאָן מיט דער טיר און אַוועק גיין פֿון דער וועלט."

מיין איינדרוק איז, אַז די שילדערונג פֿון זיינע יינגלשע יאָרן איז אויטענטיש. מסתמא האָט ייאוש דאַן אים דערפֿירט צו אַזאַ דעפּרעסיע־צושטאַנד, ווען אַ פֿויער האָט אים אַראָפּגענומען פֿון דער תליה (אַ געראַטעוועטן). אין זיינע שפּעטערדיקע ווײ־און

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## אויף טביהס פּורל

צעבלעטערטע דעמבעס, האַרבסטיקע טאָפּאָלן,
פליסטערן לעגענדעס פון נעכטיקע אַמאָלן.

רויביקע קנייפּעס, הײדאַמאַקעס,
דאָרפישע יידן באַהאַלטן אין קשאַקעס.

פּוסטע ווערענדעס, בויבעריקער דאַטשע,
די נאַבט וואַנדלט אַרום מיט דער קליאַטשע

ס'פּערדל קייעט אַ הא אין סידור,
סאָלאָווייען זינגען פאַרטרויערטע לידער.

אין גלחס הויף די כלבים בילן,
אויפן גאַנעק כראָפּעט איוואַן פּאַהאָרילע.

חוה חלומט אין גאָלדענעם קאָרן,
בגילופין דרעמלט כוועדקעס זכרון.

נישטאָ אַנאַטעווקע, חיים מאַטל קאַמזויל,
די פידל אויפן דאַך - פאַרברענט אויף קויל.

---

וואָגל־יאָרן, ציטירט ער דעם נשיא פון באָיאַר־שבט, אַז דאָס גאַנצע לעבן גייען נאָך שאָטנס, אָבער דער שרעקלעכסטער שאָטן איז אויפן שוועל פון דער אָפענער טיר... איך האָב געטראַכט וועגן אָט די ווערטער בעת שעכטמאַנס שפּרינגען אינעם עבר זיינעם, סיי ווען ער האָט אין די "גוטע זיבן יאָר" פאַראייגנט די ווערטער פונעם סאָוועטישן יידישן פּאָעט, דוד האָפשטיין, ווען אָט דער גרויסער ריכטער האָט געקענט זאָגן: "אַ דאַנק אייך וואַנדער־וועגן ברייטע! / פאַר מידע גלידער, וואַנדער־שטויב; / פאַר נעכט ביי פייערן, פאַר טעג צעזייטע; פאַר אַלע צייכנס פון מיין גאַנג / אייך, אַלע, מיין געזאַנג"...

ווי הימל־ווייט זענען אָט די שורות געווען, העט, העט, ווייט, אויף די פעלדער פון קאָלימאַ! דאָס לעבן אין רוסלאַנד איז דאָך געווען ווי אַ גרויסע זאַווערוכע אין דעם נאַטור־פּייסאַזש, ווען זיין העלדין, שפרה, איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן... און דער מחבר שילדערט אַ מוראדיקן זאַווײ (זאַוויערוכע), ווען זיין העלדין, ליבע, געפינט זיך אַ פאַרלוירענע אין וועג צו איר שטוב. זי שטרנגט אָן דעם געהער - אפשר וועט קומען פון דאָרף אַ קול? נאָר פון קיין ערגעץ גייט ניט קיין הונט־געביל, קיין חזיר־שנאָרך, קיין פאָרשקע פון אַ פערד, קיין מרוק פון אַ בהמה, קיין געשריי פון אַ גאַנדז, אַפילו קיין האָן־געקריי לאָזט זיך דאָ אין ערגעץ ניט הערן - די ווינטן בריקעווען און וואָיען... די ערד ווייסער, און די הימלען שוואַרצער. שוואַרצע הימלען, ווייסט זי, די מומע ליבע, זענען דאָך תמיד פול, איבערפול מיט שטערן...

איז עס אַ באַשרייבונג נאָר פון אַ נאַטור־פענאָמען? - פאַר מיר אַ סך מער!

שיימעס פלאַטערן אין גראָזיקן מיסט,
גאָלדעס פּריפּעטשיק קאַלט און וויסט.

אַזוי שלעפּט זיך דער וואָגן מיט טרערן און שפּאַס
און ס׳וויינען די ווערבעס: אַך גאָטעניו נאַש!

טביה געבויגן אין פינצטערן צער
נידערט צו די אייניקלעך אין באָבי יאַר.

## מנחם מענדלס גאָלדענע גליקן

זיין שטעטעלע דרעמלט אין זומערן הייסע,
אין פענצטערל בענקט נאָך דאָס קינד מאָטל פּייסע.

מענטשעלעך קליינע, גרויסע בהלות,
חלום־געיעג מיט צעפלאַטערטע פּאָלעס.

אַ ייד מיטן שירעם געעפנט אין ווינט
פליט אַ צעשטראַלטער אין בלויען פאַרשווינד.

צווישן די יאָלדן ער טראָגט זיך פאַרבליפּט
זיינע ברילן פאַרגאַפּט אין שיינע שיינדלס בריוו.

מיט גרויסע שפּריינן ציט מנחם מענד
און קלייבט זיינע גליקן אַ רענדל צו אַ רענדל.

אין בערזע געקאָך זיין האַרץ ווערט פאַרצערט,
ס׳גראָשנדיקע מזל פאַרלירט שוין דעם ווערט.

אין וואָלקן־געקלעטער ער וואַקסט ווי אַ ריז
און פאַלט פון דער הייך און בלייבט שטיין אויף די פיס.

אין מיר, זיינע קינדער פון גאָלדענעם העק
מישן די בלעטער פון נעכטיקע טעג.

מישן און זוכן פאַרוויאַנעט, פאַרגעלט,
די גאָלדענע גליקן פון מנחם מענדלס וועלט.

## ווּהין

ווּהין זאָל איך גיין, אַז די ערד מקלט זיינען פאַרשפּאַרט
און דאָס האַרץ פון דער וועלט ברענט אין פייער גיהנום,
ווּהין זאָל איך ציען מיטן קליינעם הויזגעזינד,
אַז דער פחד יאָגט מיך נאָך מיט געביל פון הינט.

װוּהין זאָל איך װאָגלען אין פרימאָרגן רויט,
אַז דער ארדט־באַרג פון דער מאַפּע איז אויסגעמעקט
מיטן רעגנבויגן פון מיינע נעבטיקע טעג
און די טערטלטויב פלאַטערט אין בלויען פאַרשווינד,
װוּ זאָל איך אַנטרינען מיט מיין ווייב און קינד,

אַז איבער מיין קאָפּ פליען שטיינער פון האַס
אין מיין אייגענער גאַס, אויף מיין אייגענעם הויף;
דער שער הרחמים איז טויב און בלינד
און פּרצעס שבת חלומט אַלץ נאָך אין ווינט.

גאָט, פאַר וועמען די לידער איך שרייב
באַהיט און באַשירעם מיין איבערבלייב!

## און איך האָב געשוויגן

פון יענער זייט פירהאַנג כ׳האָב זיך געיאָוועט צוריק
שיער אים די קרוין פון געגאַרטן חלום צוגערויבט,
נאָר ער האָט מיר נישט געגלויבט.
ווייל יונג איז דער וועג און שיין איז דער ליגן,
האָט ער ווייטער געניגונט זיין ניגון
און איך האָב געשוויגן.

---

## די "פערנאַנדאָ כענאָ" ליטעראַטור־פּרעמיע

האָט פאַרטיילט פּריזן פאַרן יאָר 1994 צו דריי שרייבער: מ ר ג ל י ת מ ת י ת י ה ו (ישראל) פאַר פּאָעזיע אין העברעיש און לאַדינאָ; ד״ר ב אָ ר י ס ב ל אַ נ ק (אַרגענטינע) פאַר אַ נאָוועלע אין שפּאַניש, און ע ל י ש ע כ ט מ אַ ן (ישראל) פאַר זיין בוך "ביים שקיעה־אַקער" אין יידיש.

יידישע שרייבער וואָס ווילן זיך באַטייליקן אינעם קאָנקורס פאַרן יאָר 1995 דאַרפן צושיקן צו צוויי קאָפּיעס פון זייערע ווערק נישט שפּעטער ווי דעם 31־טן אויגוסט 1995, אויף פאָלגנדיקן אַדרעס:

International Literary Award "Fernando Jeno"
Jewish Central Committee of Mexico
Cofre de Perote 115, Lomas Barrilaco, 11010 Mexico, D.F.

משה וואָלף

# שלמה מיכאָעלס דער – "רייכסטער" און דער "עלטסטער"

"ויהי" און דאָס איז געווען אין די לעצטע וואָכן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. וואָס נאָענטער דער זיג, אַלץ שרעקלעכער און גרעסער האָבן זיך אַרויס באַוויזן די פאַרלוסטן – די מאַסשטאַבן פון דעם חורבן פון יידישן פאָלק.



"בימים ההם" – צו יענער צייט איז דער יידישער טעאַטער אין מאָסקווע פאַרבליבן דער איין און איינציקער גייסטיקער צענטער פון דער יידישער קולטור. "היה עומד על דוכנו" – און געדינט דאָרט האָט דער כהן־גדול – דער גרויסער קינסטלער שלמה מיכאָעלס, וועלכער האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ שם אין דער וועלט. מען האָט ניט געקאָנט אָנרופן אַן אַנדערן יידישן קינסטלער, וואָס האָט במשך פון 20 יאָר אַרויסגעבראַכט און פאַרקערפּערט מיט אַזאַ פאַרטיפטער און דערהויבענער מייסטערשאַפט און מיט אַזאַ ליבע די וווּנדערלעכע געשטאַלטן פון אונדזער געשיכטע, פון דער יידישער (און ניט נאָר יידישער) קלאַסישער ליטעראַטור. טאַקע דערפאַר איז שלמה מיכאָעלס געווען איינער פון די שטאַרקסטע צוציִאונגס־קרעפטן אַרום וועלכער עס האָבן זיך קאָנצענטירט אַלע באַוווסטזיניקע עלעמענטן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין מאָסקווע איז געווען באַוווסט מיכאָעלסעס דעפיניציע וועגן דעם, ווי אַזוי עס ווערט געבוירן דער מענטש:

– ערשטנס, פלעגט ער זאָגן, אַ מענטש ווערט געבוירן אָדער ווי אַ גביר, אָדער ווי אַן אָרעמאַן. אויב ער ווערט געבוירן ווי אַן אָרעמאַן וועט אים דערנאָך שוין גאָרנישט העלפן – אַפילו מיליאָנען: ער וועט סיי ווי סיי זיך פילן אָרעם און וועט שטאַרבן ווי אַ קבצן. און פאַרקערט – ווערט ער געבוירן ווי אַ גביר, מעג ער ניט פאַרמאָגן קיין גראָשן, וועט ער זיך שטענדיק אויסטיילן מיט זיין רייכער נשמה און וועט קיין מאָל ניט פאַרקויפן זיין געוויסן און זיין צייט.

– צווייטנס – אַ מענטש ווערט געבוירן אָדער ווי דער עלטסטער, אָדער ווי דער יינגסטער. דער עלטסטער טיילט זיך אויס מיט דעם וואָס פון קינדרווייז אָן פילט ער זיך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלעמען און פאַר אַלץ. ער איז פאַראַנטוואָרטלעך ניט נאָר פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די יינגסטע.

אָט די דאָזיקע צוויי איינגעבוירענע אייגנשאַפטן זיינע – די רייכקייט און דער טיפער אחריות־געפיל – האָבן צוגעצויגן צו אים אַלע, וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין זיין הילף. צו אים פלעגט מען גיין ווי צו אַ "גוטן ייד", ווי צו אַ חכם און ווי צו אַ פריי געביקן גביר: ווער – נאָך אַן עצה, און

ווער - נאָך מאַטעריעלער הילף, נאָך אַ רעקאָמענדאַציע־בריוול, אָדער נאָך אַ שתדלנות: קריגן אַ דירה, אַ מאַנגל־רפואה אַ דערלויבעניש אויף צו וווינען אין מאָסקווע. צו אים פלעגן גיין שרייבערס און פּאָעטן, אַרבעטער און פויערן, זיינע מיטאַרבעטער און פרעמדע. אין די לעצטע יאָרן - אַ סך יידישע פּליטים פון פּוילן, און יעדער איינער פלעגט אַרויסגיין פון אים אַ באַפרידיקטער.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערזען מיכאָעלסן אין יידישן טעאַטער, ווען עס האָט זיך פאַרענדיקט די פאָרשטעלונג פון איינער אַ פּיעסע, אין וועלכער מיכאָעלס איז ניט געווען פאַרנומען. בעת דער אָוואַציע האָט דער עולם געפאָדערט ער זאָל אַרויפקומען אויף דער בינע. פון די קוליסן האָט זיך באַוויזן אַ קליין־וווקסיקע, ברייטפּלייציקע פיגור מיט קורצע הענט און מיט אַ מעכטיקן לייבן־קאָפּ, אַ ברייטן און הויכן שטערן, וועלכער האָט זיך געצויגן ביז דעם נאַקן און איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ צעשויבערטער גריווע. אָנשפּאַרנדיק זיך אויף אַ שפּאַציר־שטעקל, האָט די פיגור זיך באַוועגט פּאַמעלעך און מיט האַרטע, שווערע טריט זיך דערנענטערט צו דער ראַמפּע. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. פאַרריסן דעם לייבן־קאָפּ, אַרומגעכאַפּט מיט די אויגן דעם זאַל און די גאַליאָרקע, און האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

מיין ערשטער איינדרוק איז געווען, אַז דאָ קומט פאַר אַ מיספאַרשטענדעניש: "עס קאָן ניט זיין, אַז אָט דער נפש זאָל זיין דער, וועמען עס גאַרן צו זען די צושויערס". אָבער, ווען אין זאַל האָט זיך צעהילכט אַ גראַנדיעזע אָוואַציע, ווען אַלע האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און זיך אַ לאָז געטון צו דער בינע, שרייענדיק "מיכאָעלס!" "מיכאָעלס!", און ווען אַלע אַרטיסטן אויף דער בינע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט פון ביידע זייטן און זיך גענומען פּאַטשן אין די הענט... נאָר דעמאָלט האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז דאָ קומט פאַר אַ געשעעניש, און "שולדיק" אין איר איז אָט דאָס "פאַרשווינדל", וואָס מוז זיין אַן איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייט - דער "עלטסטער" און דער "רייכסטער". און טאַקע דעמאָלט איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז איך וועל מוזן זיך באַקענען מיט אים, און אַז איך וועל זיך שוין ניט קאָנען באַגיין אָן דעם דאָזיקן איינציקן יידישן טעאַטער, וועלכער איז פאַרבליבן אין מאָסקווע - אַלע שונאים אויף צו להכעיס.

...אין זאַל האָט נאָך אַלץ געדונערט, און ער איז געשטאַנען, געשטאַנען און געשמייכלט.

***

"מיכאָעלס" - דאָס איז זיין בינע־פּסעוודאָנים. זיין עכטער פאַמיליע־נאָמען - וואָפסי־שטאַמט פון דעם אוראַלטן שבט נפתלי און ווערט דערמאָנט אין חומש (במדבר, י"ג, י"ג). געבוירן 1890 אין דער שטאָט דווינסק, וויטעבסקער גובערניע. דערצויגן געוואָרן אין אַ פּאַטריאַרכאַלער חסידישער פאַמיליע, אין דער אַטמאָספער פון פרייד און געזאַנג. שלמהס פאָטער פלעגט דאַווענען זינגענדיק, און דאָס פינף־יאָריק יינגעלע פלעגט נאָכזינגען און פאַרציען די מעלאָדיעס און זיי איבעראַנדערשן און אַריינפאַלן אין אַזאַ עקסטאַז, אַז די וואָס פלעגן אים הערן, האָבן זיך געשראָקן עס זאָל אים ניט שאַטן. אַ טיפן איינדרוק פלעגן מאַכן אויף דעם קינד די פּורים־שפּילערס, ער פלעגט זיי לאַנג נאָכשפּילן, אויך אויף זיין אייגענעם אופן. זייער פרי האָבן זיך אַנטפּלעקט ביי דעם קינד פאָעטישע פעיקייטן. צו 7 יאָר האָט ער שוין פאַרפאַסט העברעישע לידער און צו 9 יאָר - אַ גאַנצע פּיעסע אין פערזן, וועלכע ער האָט אָנגערופן "חטאת נעורים". אין איר ווערט געשילדערט אַ רעאַלער עפּיזאָד פון וואָפסיס משפחה־לעבן: שלמהס עלטערער

ברודער האָט פֿאַרלאָזט די שטוב און איז קעגן דעם טאַטנס ווילן געוואָרן אַן אַקטיאָר.

שטילערהייט, קיינער זאָל ניט וויסן, פֿלעגט דאָס אונטערגעוואַקסן בחורל לערנען אויף אויסנווייניק פֿאַרשידענע טעאַטער־ראָלן, דראַמאַטישע אויסצוגן פֿון תנ"ך. באַזונדערס, האָט ער געשטודירט גאַנצע קאַפּיטלען פֿון ספר איוב.

צו 17 יאָר פֿאַרענדיקט שלמה די אָרטיקע מיטל־שולע און קומט אין אַ פֿאַרלעגנהייט: טעאַטער־קונסט איז פֿאַר אים אויסגעשלאָסן. דער פֿאָטער האָט קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן אים זיך פֿאַרנעמען מיט "טריאַטער־קונצן". "גענוג פֿאַר אונדזער משפּחה איין קאָמעדיאַנט" - פֿלעגט ער יעדן טאָג בייז וואָרענען שלמהן - "איך וויל, אַז כאָטש דו, מיין יורש, זאָלסט ווערן אַ מענטש און ברענגען נוצן פֿאַר אַנדערע מענטשן".

דער וועג צום אוניווערסיטעט איז צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע פֿאַר מיכאָעלסן אויך געווען פֿאַרמאַכט, זעקס יאָר קעמפֿט ער פֿאַר באַקומען רעכט אַריינצוטרעטן אין אַ היכשול, אָבער, אָן דערפֿאָלג. ערשט אין 1915 קומט ער אָן אין יורידישן פֿאַקולטעט פֿון פּעטערבורגער אוניווערסיטעט, לערנט זיך פֿלייסיק, ווייזט אַרויס גרויסן רעדנער־טאַלאַנט, גרייט זיך ווערן אַן אַדוואָקאַט. איינצייטיק שטודירט ער פּריוואַט טעאַטער־קונסט.

אין 1919 האָט זיך געעפֿנט אין פּעטערבורג אַ יידישע טעאַטער־סטודיע. שלמה איז שוין געווען אויפֿן לעצטן קורס. אים איז פֿאַרבליבן נאָר עטלעכע חדשים צו פֿאַרענדיקן זיין לערע. אָבער זיין פֿאַרבאָרגענער טרוים און לייַדנשאַפֿטלעכע ליבע צו טעאַטער זיגן. שלמה זאָגט זיך אָפּ פֿון דער קאַריערע צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, פֿון מאַטעריעלן ווױלזיין, און אין עלטער פֿון 29 יאָר קומט ער אָן אין דער טעאַטער־סטודיע. דאָרט אייגנט ער זיך צו דעם נאָמען מיכאָעלס.

אין גיכן פֿאָרט די טעאַטער־סטודיע אַריבער קיין מאָסקווע און ווערט דאָרט איבערגעפֿאָרעמט אין "יידישן מלוכה־טעאַטער" - "גאָסעט" (די רוסישע ראָשי־תיבות פֿון "גאָסודאַרסטווענני יעווריעיסקי טעאַטר"), אונטער דער קינסטלערישער אָנפֿירונג פֿון אַ. גראַנאָווסקי. באַלד נאָך זיינע ערשטע אַרויסטרעטונגען ווערט מיכאָעלס אָנערקענט ווי אַ טאַלאַנטירטער קאָמיקער. ביסלעכווייז ווערט פֿאַרברייטערט זיין רעפּערטואַר און ס׳וואַקסט זיין מייסטערשאַפֿט.

שוין די ערשטע געשטאַלטן (רעב אַלטער אין "מזל טוב", שאַפּשעוויטש אין "גאָט פֿון נקמה" און "אוריאל אַקאָסטאַ") אין דער אויספֿילונג פֿון דעם נייעם אַקטיאָר, האָבן באַוויזן דעם גרויסן דיאַפּאַזאָן פֿון זיינע קינסטלערישע מעגלעכקייטן. אַלץ מער ווערט ער פֿאַרנומען אין די ראָלן פֿון דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. ער שפּילט די ראָל פֿון בנימינען אין מענדעלע מוכר ספֿרימס "מסעות בנימין השלישי".

אין די ערשטע בילדער שטעלט מיכאָעלס פֿאָר בנימינען ווי אַ קרבן פֿון נאַציאָנאַלער אומרעכט - אַ קרבן "מיט אונטערגעשניטענע פֿליגלען". אָבער ווייטער, פֿון איין בילד צום צווייטן, בייט זיך בנימינס געשטאַלט. מיכאָעלס אויפֿגערודערטע שטימע, זיינע הייסע בליקן, זיין אויפֿגעלעבטע אויסדריקלעכע מימיק און אימפּעטיקע באַוועגונגען פֿאַרוואַנדלען דעם לעכערלעכן, נאַיוון בעל־חלומות אין אַן אומדערשיטערטן הומאַניסט.

נאָך שטאַרקער און איבערצייגעוודיקער שפּילט מיכאָעלס די ראָל פֿון דוד בערגעלסאָנס "טויבן". אין איר פֿאָרמירט זיך און וואַקסט דער פּראָטעסט פֿון אַ "קליין מענטשעלע" קעגן סאָציאַלער אומגערעכטיקייט. דער "טויבער" – מיכאָעלס איז

אויפגעבייזערט, פאַרביטערט און אָפּגעזונדערט. דער אַרטיסט דרינגט אַריין אין דער פּסיכאָלאָגיע פון זיין העלד. פּערצן יאָר האָט ער געדינט זיין בעל־הבית אין דער מיל, דאָרט פאַרלוירן דעם געהער און איז ענדגילטיק צעבראָכן געוואָרן: דעם בעל־הבית זון האָט פאַרגוואַלטיקט זיין טאָכטער. צאָרן און דורשט נאָך נקמה פאַרכאַפּן און באַהערשן זיין באַוווּסטזיין, און מיכאָעלס - "דער טויבער" גלייכט אויס זיין רוקן, ביילט צונויף זיינע פויסטן און מיט אַן אויפגעהויבענער האַק שפּאַנט ער אין דער ריכטונג פון זיין שונאס צימער.

וואָס רייפער און רייכער עס וואַקסט מיכאָעלסעס טאַלאַנט, אַלץ אויסגעשפּראָכענער ווערט זיין אינערלעכער רוף צו שפּילן טראַגישע געשטאַלטן. זיין ערשטע באַרייטנדיקע שאַפּשעוויטש־ראָל אין שלום אַשס "גאָט פון נקמה" האָט מיכאָעלס דערהויבן ביז צו דער הויכקייט פון אַ טראַגעדיע. אין איר האָט דער אַרטיסט מיט גרויס מייסטערשאַפט אַנטפּלעקט די ווידערשפּרוכן צווישן שלעכטס און גוטס אין דעם מענטשנס וועזן.

מיכאָעלס ווערט אַלץ מער אָנערקענט ניט נאָר פון דעם צושויער, נאָר אויך אין די אַרטיסטישע קרייזן. וועגן אים רעדט מען שוין ווי פון דעם פּרעמיער פון "גאָסעט". די טויזנטער טעאַטער־ליבהאָבער קומען שוין "זען און הערן מיכאָעלסן". ווען ער באַווייזט זיך אויף דער בינע שטעלט זיך איין אין צושויער־זאַל אַ "טויטע" שטילקייט און אַלע ווערן פאַרכאַפּט פון זיינע רייכע אינטאָנאַציעס, פון זיין איינדרוקפולער מימיק, פון זיין פּילדרייטיקן זשעסט.

אין 1929־טן יאָר ווערט מיכאָעלס נאָמינירט אַלס קינסטלערישער אָנפירער פונעם יידישן טעאַטער אין מאָסקווע.

***

די ענגע ראַמען פון אַן עסיי דערלויבן ניט צו געבן אַפילו אַ קורצן איבערבליק פון דעם ווי אַזוי ש. מיכאָעלס האָט אויסגעשפּילט 25 ראָלן אויף דער בינע פון "זיין" טעאַטער, וועלכער האָט, אַ דאַנק זיין טאַלאַנט און זיין קינסטלערישער אָנפירערשאַפט באַקומען דעם זייער זעלטענעם טיטל "אַקאַדעמישער". אויף צו באַשרייבן אַלע זיינע קינסטלערישע דערפינדונגען, די אָריגינעלע באַזונדערקייטן פון זיין שפּילן, די אומדערוואַרטע אימפּראָוויזיציעס און די אָפטע ענדערונגען, וועלכע ער פלעגט פון מאָל צו מאָל אַריינברענגען אין זיינע אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען, וואָלט מען געמוזט שרייבן מאָנאָגראַפיעס. דאָ מוזן מיר זיך באַגרענעצן נאָר מיט אייניקע שטריכן און איינדרוקן (זכרונות) פון אייניקע ראָלן, וועלכע מיכאָעלס גופא האָט געהאַלטן פאַר די וויכטיקסטע, און וועלכע פאַרנעמען עד היום אַ בכבודיקן אָרט אין דער היסטאָריע פון דער יידישער און אַלוועלטלעכער טעאַטער־קונסט.

שפּילן שעקספּירס "קיניג ליר" איז געווען מיכאָעלסעס לאַנגיאָריקער טרוים. ווען ער איז נאָך געווען אַ שילער אין דער ריגער מיטל־שולע האָט דער לערער געגעבן אים פאָרלייענען אַ סצענע פון דעם דאָזיקן ווערק. מיכאָעלס האָט אַזוי באַגייסטערט, איבערציייגעוודיק און קינסטלעריש געלייענט, אַז דער לערער האָט זיך צעוויינט. טאַקע דעמאָלט, דערציילט מיכאָעלס, האָט ער געגעבן זיך דאָס וואָרט, אַז אויב ער וועט ווערן אַן אַרטיסט, וועט ער אומבאַדינגט שפּילן דעם "קיניג ליר". פון יענער צייט זיינען אַריבער 25 יאָר.

אין 1930־טן יאָר, ווען מיכאָעלס האָט געשפּילט דוד בערגעלסאָנס "דעם טויבן", האָבן זיינע קאָלעגן, וועמענס מבינות ער האָט באַזונדערס געטרויט, אים איבערצייגט, אַז

ער דאַרף זיך נעמען פאַר דעם "קיניג ליר". און ווידער זיינען אַוועק חדשים און יאָרן און ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט זיך אַנטשליסן.

דאָס יאָר 1932 איז געווען איינס פון די שווערסטע אין מיכאָעלסעס לעבן. במשך פון אַ קורצער צייט האָט ער פאַרלוירן אַ ריי נאָענטע מענטשן. ער איז געווען אויף אַזוי – פיל דעפּרעסט, אַז ער האָט געוואָלט פאַרלאָזן די בינע. זיינע חברים, וועלכע האָבן געוווסט פון זיין שווערן געמיט, האָבן ווידער אָנגעהויבן צושטיין צו אים, אַז ער זאָל מער ניט אָפּלייגן און אָנהויבן אַרבעטן איבער "לירן".

מיכאָעלס דערציילט: "דער פאָרשלאָג האָט מיך זייער אויפגערודערט... אין מיר האָט אויפגעלעבט מיין ערשטער שולע־איינדרוק וועגן דער דאָזיקער טראַגעדיע... דעם לערערס טרערן... עס איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, אַז דאָרט קומט פאָר אַ קאַטאַסטראָפע און אַן אומקום. דאָס אַלץ האָט אַנטשפּראָכן מיין שטימונג, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז באַפרייען זיך פון דער שווערקייט פון מיין דריקנדיקן געמיט וועט זיך מיר איינגעבן, אויב איך וועל זיך אַריינוואַרפן מיט לייב און לעבן אין אַזאַ מין אַרבעט. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אויפפירן דעם "קיניג ליר"... ביי אונדז אין טעאַטער.

אַחוץ דעם האָט אין שעקספּירס "קיניג ליר" צוגעצויגן מיכאָעלסן דער נאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער דראַמע. לויט זיין מיינונג איז לירס טראַגעדיע זייער נאָענט צו די, וועלכע ווערן באַשריבן אין תנ"ך (איוב).

אויף דעם וועג צו פאַרווירקלעכן זיין אויפגעלעבטן טרוים האָט זיך מיכאָעלס אָנגעטראָפן מיט פיל שוועריקייטן. די ערשטע פון זיי זענען אויפגעקומען, ווען מיכאָעלס האָט באַדאַרפט אויסקלייבן אַן איבערזעצונג פון דעם אָריגינאַל. מיכאָעלס איז ניט געווען באַקאַנט מיט דער ענגלישער שפּראַך, און קיין איינע פון די רוסישע איבערזעצונגען האָבן אים ניט באַפרידיקט. זוכנדיק אַן איבערזעצער אין יידיש, האָט זיך מיכאָעלס אָפּגעשטעלט אויף שמואל האַלקינען. ש. האַלקינס סטיל האָט אַנטשפּראָכן שעקספּירס, באַזונדערס האָבן זיך ש. האַלקינען איינגעגעבן די סצענעס, אין וועלכע ליר שעלט די טעכטער. לירס קללות דערמאָנען מיט זייער בילדערישקייט די תוכחה.

מיכאָעלסן איז אויסגעקומען אויסהיטן און גובר זיין אַ געפערלעכע אָפּאָזיציע, וואָס עס האָבן אים אַרויסבאַוויזן זיינע נאָענטסטע קאָלעגן. די, וועלכע האָבן באַדאַרפט נעמען אַן אָנטייל אין אויספילן די ראָלן. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּאָלעמישע דיסקוסיע אַרום מיכאָעלסעס אָריגינעלער אינטערפּרעטאַציע פון לירס וועלטאָנשויאונג און וועגן דעם תוך פון זיין טראַגעדיע. שוין אין דער ערשטער סטאַדיע, בעת די באַהאַנדלונגען פון דער הויפּט־אידעע פון "קיניג ליר", האָט מיכאָעלס אַלץ מער און מער אַרויסבאַוויזן אַ קעגנזעצלעכע שטעלונג צו דער טראַדיציאָנעלער אינטערפּרעטאַציע לויט וועלכער לירס טראַגעדיע באַשטייט אין דעם, וואָס זיינע טעכטער פאַראַטן אים און טרייבן אים אַרויס פון זיין שטוב. מיכאָעלס, פאַרקערט, איז געווען איבערצייגט, אַז לירס טראַגעדיע איז ניט קיין איינפאַכע פאַמיליען־טראַגעדיע און איז ווייט פון ניט־דאַנקבאַרקייט פון זיינע טעכטער. לויט זיין מיינונג, באַשטייט לירס טראַגעדיע אין דעם קראַך פון זיין פאַלשער וועלט־אָנשויאונג, מיט וועלכער ער האָט אַדורכגעלעבט 80 יאָר. מיכאָעלס האָט אַרויסבאַוויזן גרויס גערולד און פּעדאַגאָגישן טאַלאַנט אויף צו איבערצייגן דעם קאָלעקטיוו אַרטיסטן אין דער באַגרינדלעכקייט פון זיין פּאָזיציע.

צוטרעטנדיק צו דער אַרבעט איבער דעם ליר־געשטאַלט האָט מיכאָעלס דערפילט אַ

שטאַרקן אומצוטרוי צו די פיזישע עלעמענטן פון זיין קערפער. זייענדיק פון קליינעם וווקס, האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען, צי וועט זיך אים איינגעבן אַרויסבאַווייזן דאָס געשטאַלט פון קיניגלעכער מאַיעסטעטישקייט.

איבער אָט די אַלע שטערונגען און צווייפלען האָט מיכאָעלס לאַנג און שווער געאַרבעט. ער געפינט אויס מיטלען און דעטאַלן, וועלכע העלפן אים בייקומען אַלע שוועריקייטן. און אָט האָט זיך אויפגעהויבן דער פאָרהאַנג. אויף דער בינע באַווייזט זיך אומבאַמערקט אַ באַשעפעניש אָן אַ באָרד. פונעם קאָפּ פאַלן אויף די פלייצעס לאַנגע ווייסע האָר־לאָקנס. דער קערפּער איז איינגעהילט אין אַ לאַנגער מאַנטיע, אונטער וועלכער ס'איז אַלץ באַהאַלטן. מען זעט ניט אַפילו ווער דאָס איז – אַ מאַן, אָדער אַ פרוי, און עס איז שווער צו טרעפן, צי איז דאָס דער קיניג. דער דאָזיקער צווייפל קומט אויך פון דעם, וואָס דער אַריינגעקומענער טראָגט ניט אויפן קאָפּ קיין קרוין און זעצט זיך ניט אויף דעם טראָן, וואָס שטייט אין דער מיטן פון דער בימע. אַהין האָט זיך פאַרקליבן און זיך באַקוועם איינגעאָרדנט אַ לעכערלעכע באַשעפעניש – דער "לץ".

מיכאָעלס האָט זיך אויף אייביק צעשיידט מיט דעם הדרת־פּנימידקן, עפעקטפולן זקן, וועלכן עס פלעגן אויספילן די באַרימטסטע "ליר"־אַרטיסטן אין דער וועלט. מיכאָעלסן אינטערעסירט נישט די בכבודיקע קיניגלעכע אויסערלעכקייט. אים אינטערעסירט דער גורל פון דעם מענטש, וועלכער האָט דערקענט דעם עצמדיקן תוך פון דער וועלט דורך אַ גאַנצער ריי איבערלעבונגען וואָס האָבן אים געבראַכט צו פולער רעזיגנאַציע – צו אָפּזאָגן זיך פון די הויפּט־ווערטן פון זיין גאַנץ באַוווסטזיניק לעבן פון זעלבסטפאַרגעטרונג.

אין די ערשטע דערשיינונגען זאָגט מיכאָעלס ניט קיין איין וואָרט לכף זכות לירן. פאַרקערט, ער מאָלט זיין געשטאַלט מיט בולטע אַנטיפּאַטישע פאַרבן: ער איז קאַפּריזנע, איינגעשפּאַרט, אַנטפּלעקט זיך מיט אומגעריכטע ענדערונגען אין דער שטימונג. מיט פּלוצעמדיקע איבערגאַנגען פון כעס צו גוטווילקייט, פון פרייד צו טרויער. דער צושויער דערזעט פאַר זיך אַ מענטש, וועלכן די מאַכט האָט צעבאַלעוועט, ווען ער איז דער הערשער פון דער וועלט, האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ דעספּאָט, און פאַר ווען די מלוכה־אינטערעסן האָבן שוין פאַרלוירן זייער ערשט־ראַנגיקע וויכטיקייט. מיט דער דינסטער פּסיכאָלאָגישער מייסטערשאַפט ווייזט מיכאָעלס דעם צושויער דעם שווערן וועג, אויף וועלכן עס קומט פאָר לירס איבערגעבורט. ניט מיט אַ מאָל ווערט פאַר אים קלאָר אין וואָס פאַר אַ געפערלעכן צושטאַנד ער געפינט זיך. די ערשטע קלעפּ, וועלכע ער באַקומט פון זיינע טעכטער, רופן אַרויס ביי ליר־מיכאָעלסן צאָרן און כעס. נאָך טיפער ווערן די קנייטשן אויף זיין מעכטיקן שטערן, נאָך האַסטיקער די באַוועגונגען. אָבער מיט אַ מאָל ציטערט עפּעס אויף אין לירס נשמה. אין איר רייסט זיך אַריין אַן אומרו. אַ שרעקלעכער, צעשטערערישער צאָרן באַהערשט זיין גאַנצן וועזן, און... ער גייט אַראָפּ פון זינען.

דורכדרינגלעך און רירנדיק איז די לעצטע סצענע. אַ דערשלאָגענער, אַן אויסגעשעפּטער פויזט ליר אַרום זיין שטאַרבנדיקער טאָכטערס קערפּער, מיט ציטערנדיקע, הילפלאָזע הענט גלעט ער זי צערטלעך. קושט איר און אַזוי... הויכט ער אויס זיין נשמה. "ליר" איז געווען מיכאָעלסעס טריומף. די צוממערסטן באַוווסטע אַרטיסטן־אויספירערס פון שעקספּירס "קיניג ליר" האָבן דערקלערט, אַז קיינעם פון זיי האָט זיך ניט איינגעגעבן שפּילן די דאָזיקע ראָל אַזוי קינסטלעריש, ווי שלמה מיכאָעלס.

דער פּראָמינענטער ענגלישער רעזשיסער גאָרדאָן קריג, וועלכער איז ספּעציעל געקומען קיין מאָסקווע זען מיכאָעלסן אין דער ראָל פון "לירן", האָט וועגן דעם געשריבן:

"פאַר מיר איז מיכאָעלסעס "קיניג ליר" געווען אָן שום גוזמא אַן אומדערוואַרטע עכטע דערשיטערונג (...) נאָר איצט האָב איך פאַרשטאַנען דעם פאַרבאָרגענעם טראַגישן זינען פון מיכאָעלסעס זשעסט. (...) קיינער האָט מיך אַזוי טיף ניט דערשיטערט, ווי מיכאָעלס. (...) ווי גרויס עס זאָלן ניט זיין די לויבן, זענען זיי נישט איבערגעטריבן. נאָר איצט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, פאַרוואָס אין ענגלאַנד איז ניטאָ קיין עכטער "ליר". דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרטן איז ניטאָ אַזאַ אַרטיסט, ווי מיכאָעלס".

ריכטיק! די ליר־ראָל איז געווען מיכאָעלסעס העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונג. אָבער זיין איינגעבוירענער גייסטיקער אומרו און טיפע נטיה צו זוכן ענטפערס אויף די אייביקע וועלט־פּראָבלעמען ("פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא") צווינגט אים גיין ווייטער.

נאָך אַרבעטנדיק איבער זיין "קרוין־ראָל", דערזעט מיכאָעלס איר נאָענטן עקוויוואַלענט אין דער יידישער קלאַסישער ליטעראַטור. פון שעקספּירן גייט דער געניאַלער אַרטיסט גלייך אַריבער (ריכטיקער - קערט זיך אום) צו שלום־עליכמס דראַמאַטורגיע. ווי באַוווּסט האָט פון איר מיכאָעלס אָנגעהויבן זיין שעפערישן וועג אין דער פּעטערבורגער טעאַטער־סטודיע. אין יענע יאָרן האָט מיכאָעלס פאַרקערפּערט אַ ריי שלום־עליכם פּערסאָנאַזשן: (רב אלתר אין "מזל־טוב", שימעלע סאָראָקער אין "200.000", מנחם מענדל אין "אַגענטן"). אין די דאָזיקע ראָלן האָט מיכאָעלס מיט זיין אויפשטייגנדן טאַלאַנט באַלויכטן דאָס דושנע וועלטל פון די "קליינע מענטשעלעך". גיך אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן ניט פאַרבלייבן אויף לאַנג אין רעפּערטואַר, און, אַז זיי האָבן ניט קיין אַקטועלן ווערט פאַר דעם סאָוועטיש־יידישן צושויער. אומקערנדיק זיך צו שלום־עליכמס דראַמאַטורגיע, האָט מיכאָעלס געוועגדט זיין קינסטלערישן חוש צו "טביה דעם מילכיקן". זיין אויסוויל אַרגומענטירט ער מיט צוויי גרונט־הנחות. די ערשטע באַשטייט אין דעם, וואָס טביה טיילט זיך גרינטלעך אויס פון אַלע אַנדערע שלום־עליכמס טיפּן מיט זיין אייגענער וועלט־אָנשויאונג, מיט זיין באַזונדערער באַציאונג צו אַלע מענטשלעכע און ספּעציפיש־יידישע פּראָבלעמען. אויף יעדן פּסוק האָט ער זיין פּשט. צווייטנס, מיכאָעלס האַלט, אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס טביה און ליר זענען עקסטרעמע סאָציאַלע אַנטיפּאָדן, זענען זיי אינערלעך נאָענט.

פונקט ווי ליר, ווייזט אַרויס טביה זיין עקשנותדיקן ווידערשטאַנד צו אַלץ וואָס פאַרמעסט זיך אויף זיין זעלבסטווירדע און שטייט אויס אַלע אומגליקן - די גרויסע טראַגעדיע וואָס קומט פאַר אין זיין לעבן.

שטיל און פאַמעלעך הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג. אויף דער בינע באַווייזט זיך אַ ברייטפּלייציקער נידעריקער, קרעפּטיקער ייד - אַ דאָרפסמאַן מיט אַ ליכטיקן קוק. אַ ברייטער שמייכל באַשיינט זיין פּנים. ער קאָרמעט זיין פערדל און שמועסט מיט אים ווי מיט אַ גוטן פריינד, דערציילט אים, ווי ניט גרינג עס גייט דאָס לעבן. אָבער ווייטער, פון איין דערשיינונג צו דער צווייטער, וואַקסט די אָנשטרענגונג. מיט שפּאָריקע ווערטער און אויסדריקלעכע זשעסטן גיט איבער מיכאָעלס די טראַגישע געשיכטע פון טביהס לעבן. ווי לירן – פאַרלאָזן טביהן זיינע טעכטער. יעדערע פון זיי פאַרשאַפט אים גרויס ווייטיק און פאַרגרעסערט זיין טראַגעדיע. איינע נאָך דער אַנדערער פאַרלאָזן זיי

זייער טאַטן. אַ פּאַראומערטער און אַ פּאַרטראַכטער שפּאַנט אַרום מיכאָעלס־טביה, מאַכט דריי טריט און שטעלט זיך אָפּ. לייגט צו זיין לינקע האַנט צום ברוסט־קאַסטן און מיט דעם ווייז־פינגער פון דער רעכטער - ווענדט ער זיך צו איינעם, וועמען נאָר ער זעט, און מיט אַ צעבראָכענער שטימע טענהט ער צו אים:

– זאָג מיר! צו וואָס טויג אַ בוים אָן צווייגן? בעסער וואָלט זיין, בן־אָדם איינער, דו זאָלסט אונטערשניידן דעם בוים מיט איין מאָל, און מאַך מיט אים אַ סוף!! צוליב וואָס דאַרף שטאַרצן אַ בוים אָן צווייגן אין וואַלד?

דעם געפערלעכסטן קלאַפּ דערלאַנגט טביהן זיין באַליבסטע טאָכטער חוה - זי שמדט זיך און גייט אַוועק מיט איר ניט יידישן מאַן צו זיינע עלטערן. טביה, וועלכער איז שוין געוווינט צו ליידן פון פאַרשידענע צרות, נעמט אויף חוהס פאַראַט ווי די שרעקלעכסטע קאַטאַסטראָפע אין זיין לעבן. זי האָט צעשטערט דאָס הייליקסטע אין אים - זיין גלויבן אין די וויכטיקסטע ווערטן, וועלכע ער האָט געירשנט פון זיינע עלטערן און וועלכע פאַרבינדן אים מיט זיין יידישן פאָלק. טביה שעלט ניט זיינע ווידערשפעניקע טעכטער, אויך חוהן שעלט ער נישט. ער שטראָפט זי און אויך זיך אַליין - מיט דעם שטרענגסטן גזר: ער מעקט זי אויס פון די לעבעדיקע. פאַר אים איז זי געשטאָרבן. איר נאָמען לא יזכר ולא יפּקד! און ער ציט אַראָפּ פון די פיס זיינע שטיוול און... זעצט זיך שבעה.

אַ פּאַריאָמערטער בלאָנקעט אַרום טביה אין דעם פּאַריתומטן צימער און אומבאַמערקטערהייט גלעט ער דעם פּאָרטרעט, וועלכן עס האָט אויפגעהאָנגען אויף דער וואַנט די געשמדטע טאָכטער. שטיל שעפּטשעט ער איר נאָמען - דעם זעלבן נאָמען, וועלכן ער האָט פאַרבאָטן צו דערמאָנען.

ניט אויסגעהאַלטן די אַלע אומגליקן האָט טביהס געטרייע לעבנס־באַגלייטערן, גאָלדע. פון צרות שטאַרבט זי, און טביה פאַרבלייבט איינער אַליין. פאַר איין נאַכט איז ער אַלט געוואָרן. מיר זעען אים אין טיפן טרויער. ער דרייט זיך אַרום דעם בעט, ציט אויס די האַנט. ער וויל זיך צורירן צום קישן, אויף וועלכן ס'פלעגט רוען גאָלדעס קאָפּ. און מיט אַ מאָל ציט ער צוריק זיין האַנט, עס ציטערן זיינע ליפּן, און ער פאַרמאַכט די



*סצענע פון "טביה דער מילכיקער". טביה - ש. מיכאָעלס גאָלדע -ל. ראָם*

אויגן. אַט־אַט וועלן פון זיי זיך אַ גיס טאָן טרערן. נאָר דאָ באַווייזט זיך חוה. און טביה... ווערט פאַרגליווערט. דאָס מאָל אָפּזאָגן זיך פון איר קאָן ער שוין ניט. ער דריקט זי צו צו זיך און מורמלט: זי איז דאָך מיין קינד. – "זי... איז... אין מיין האַרץ... פאַרבליבן...".

ניט לאַנג האָט געדויערט דער שטראַל פון האָפענונג. וואָס עס האָט אַריינגעבראַכט מיט זיך חוה אין טביהס פאַרחושכטער נשמה. עס באַווייזט זיך דער אוריאַנדניק און גיט צו וויסן, אַז לויט דעם "אוקאַז" (באַפעל) פון דעם רוסישן אימפּעראַטאָר ווערט טביה אַרויסגעשיקט פון דאָרף, ווו עס איז פאַרבאָטן פאַר יידן צו וווינען. און אין דער דאָזיקער אומדערוואַרטער טראַגישער סיטואַציע דעמאָנסטרירט מיכאָעלס נייע העלדישע שטריכן אין טביהס געשטאַלט. פון אים פאַרשווינדן אַלע סמנים פון שוואַכקייט. ער איז בייז, ער איז צאָרנדיק אויפגערעגט. ער דראָט. ער פּראָטעסטירט און מיט אויפגעהויבענע צום הימל פויסטן שרייט ער גרויזאַם:

– רבונו של עולם! עד מתי! – ביז וואַנען, און פאַרוואָס מוטשעסטו מענשטן?!

טביה געזעגנט זיך מיט זיין לאַנגיאָריקן געטרייען פריינד – מיט זיין פערדל. ער בעט ביי אים מחילה, גיט אים צו פאַרשטיין, פאַרוואָס זיי מוזן זיך צעשיידן, און מיט טרערן אין די אויגן זאָגט ער:

– לך לך! וויטער טביה! ווייטער! – ער וואַרפט אַוועק דאָס בייטשל און אַן איינגעבויגענער, מיט דעם וואַנדער־שטאַק אין האַנט און מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ ווענדט ער זיך צום צושויער־זאַל:

– ווייטער, ווייטער טביה! ווייטער! און... פאַרלאָזט די בינע.

***

סוף מיי 1945. דער יידישער טעאַטער שטעלט פאַרשידענע ספּעקטאַקלען כמעט יעדן טאָג. דער זאַל איז פול מיט יידן – יונג אין אַלט. נאָר קיינער פון זיי רעדט ניט קיין יידיש. בלויז די "אַלטע" פאַרשטייען און ענטפערן – אויב... עמעצער פרעגט זיי. משונהדיק זעען אויס די אַפישן און די טעאַטער־פּראָגראַמקעס: אַלע אָפּגעדרוקט אין רוסיש. טייל מאָל – טראַנסליטערירט מיט רוסישע אותיות. און דאָס רופט אַרויס ווייטיק, און דאָס איז שווער צו פאַרשטיין! קדם כל פאַרשטייען דאָס נישט די קליינע צאָל "גרינע" פליטים – יידן פון פּוילן (ווי דער מחבר פון די שורות, למשל). אָט די מאָדנע סיטואַציע, ווי אויך די אָפּוועזנהייט פון יידישע שולעס און אַנדערע אינפאָרמיר־אַנשטאַלטן, האָבן געצוווּנגען זוכן אַן ענטפער... ביי דעם "עלטסטן".

אויף מיינע פילמאָליקע ווענדונגען האָב איך סוף כל סוף באַקומען אַן ענטפער, אַז מיכאָעלס וועט מיך אויפנעמען. "ניט מער ווי 15 מינוט" – האָט באַדייטפול באַטאָנט די סעקרעטאַרשע.

...אַ גרויסער צימער, אין אים איז שטאַרק אָנגערויכערט. אומעטום ביכער, ביכער, רולאָנען, מאַנוסקריפּטן, אָפּגעריסענע שטיקער פון פאַרצייכענונגען, פּאַפּקעס. אַ לאַנגער שרייבטיש, פוןביידע זייטן – צוויי הויכע זילבערנע לייכטערס און אין זיי – ניט דערברענטע ליכט־רעשטלעך. ביי דעם טיש, אויף אַן אַלטפּרענקישער שטול – אַ מענטשל, כמעט אַ קריפּל – אַ נידעריקער מיט אַ ברייטן הויכן למדנישן שטערן און מיט אַ צעבראָכענער פלאַטשיקער נאָז. די אונטערשטע ליפּ לאָזט זיך אַלע מאָל אַראָפּ און צעעפנט אַ מויל מיט גרויסע ציינער. און דאָס דאָזיקע "פאַרשווינדל" רויכערט און רעדט אַריין אין טעלעפאָן־טרייבל. מיט אַ פריינדלעכן זשעסט ווייזט ער מיר אָן אויף אַ שטול, און דער גאַנצער אויסזען זיינער בעט סליחה – "האָב רחמנות, גזלן איינער, נאָך

צוויי מינוט".

דאָס גיט מיר די מעגלעכקייט אַרומקוקן זיך און מער אויפמערקזאַם באַטראַכטן אים. און ווידער שטוין איך: ניט שוין זשע איז דאָס דער זעלבער קיניג ליר, וועלכן איך האָב נאָך נעכטן געזען אויף דער בינע?!

- "נו, יונגערמאַן, וואָס שווייגסטו? צוויי חדשים אומגעבראַכט וועלטן, און איצט: "זיצט אַ בחור, טראַכט און טראַכט?!"

איך פּרוּוו עפּעס זאָגן, נאָר ס'באַקומט זיך ניט. אַלץ איז פון קאָפּ אַרויסגעפלויגן. איך מאַמליע, שטאַמל, ווער פון בושה רויט...

- "באַרואיק זיך! - האָט זיך צעשמייכלט דער "קריפּל" און פאַר מיר דערשיינט אַ ביז גאָר אַנדערער - אַ גוטער פריינד, אַ חכם, וואָס פאַרשטייט אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אין מיין צעשויבערטער נשמה. און נאָך אַ מאָל:

- "באַרואיק זיך! זאָג, ווער ביסטו? וואָס דאַרפסטו? שעם זיך ניט!" - און מיט אַ גוטמוטיק חוזק-גערלעכטערל: "אפשר ווילסטו אַ קאָמעדיאַנט ווערן?

איך האָב געקאָנט ענטפערן נאָר אויף זיין ערשטער פראַגע. איך דערציייל אין קורצן: אַ פּליט פון פּוילן, פאַרענדיקט די העברעישע "תרבות"-גימנאַזיע אין וואַרשע, אַלע אייגענע - אומגעקומען, געוועזן אויפן פראָנט, פאַרענדיקט אין סטאַלינגראַד דעם מעדיצינישן אינסטיטוט, אַרבעט - אַ דאָקטער".

מיכאָעלס שווייגט, זיצט אומבאַוועגלעך און קוקט קאָנצענטירט אויף מיר און נאָך טיפער... אין מיר אַריין. און איך דערזע זיינע ברייט צעעפנטע אויגן, עטוואָס מידע און זייער סענסיטיווע. אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ זיין געמיט: אַט זענען זיי שטרענגע, פאַרזאָרגטע, טרויעריקע, און אַט -שטיפעריש לאַכנדיקע - קלוגע, דורכדרינגלדעכע אויגן...

- "און דאָס איז אַלץ? - האָט ער איבערגעריסן דאָס שווייגן. - גוט! ווי איך פאַרשטיי קלייבסטו זיך ניט בייטן דיין פּראָפעסיע און דאָס געפעלט מיר! דאָס איז דיין זכות! פון דעסטוועגן וואָלט געווען זייער פיין פון דיין זייט, חבר דאָקטער, זאָלסט אונדז אַנטפּלעקן דעם סוד, וואָס האָט דיך געצווינגען קומען אַהער? דו ביסט דאָך אַ פאַרנומענער מענטש!"

אין קורצע ווערטער האָב איך אים איבערגעגעבן מיינע אומפאַרשטענדלעכע "פאַרוואָסן" און מיין באַזאָרגקייט איבער דעם צושטאַנד פון דער יידישער שפּראַך אין מאָסקווע, און - צי זענען פאַראַן אויסזיכטן אויף בעסערס?

און ווידער האָט זיך איינגעשטעלט אַ שווייגעניש. מיכאָעלס האָט פאַררויכערט און גיריק געצויגן אין זיך דעם רויך. מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ קער געטון צו מיר:

- "זאָג מיר יונגערמאַן, דו ביסט דאָך אַ דאָקטער און, דו מוזסט דאָך אוודאי געניי וויסן, וויפל דאַרף זיין אין דער לופט זויערשטאָף כדי דער מענטש זאָל קאָנען אויספילן אַלע זיינע באַדערפעניש און זיך גוט פילן?"

- "ניט ווייניקער פון 20%".

- "און, אויב אין איר איז נאָר פאַראַן 18%? און אַרום איז ניטאָ אַפילו קיין 1%? וואָס רעמאָלט? פאַרמאַכן די נאָז און שטאַרבן?!"

- "עס וועט זיין שווער טאַקע, נאָר לעבן וועט זיין מעגלעך" - האָב איך, אַ צעמישטער געפּרוווט אים געבן צו פאַרשטיין.

- "און אויב נאָר 16, נאָר 15 ! האָט ער שוין געשריגן און בייזע פייערלעך האָבן זיך

באַוויזן אין זיינע שוואַרצאַפּלען - ענטפֿער!

איך האָב געשוויגן און... פֿאַרשטאַנען, ווי ס'איז שווער פֿאַר אים ניט נאָר ענטפֿערן, נאָר אַפֿילו אויסהערן אַזעלכע קשיות. ער האָט זיך מיט אַ מאָל האַסטיק אויפֿגעהויבן, זיך דערנענטערט צו מיר און כמעט מיר איינגערוימט אין אויער:

- "אָט אַזוי משהלע, מיין פֿריינד! פֿרעג ניט מער! דו הערסט?! פֿרעג ניט מער! און האָט מיר גענומען פֿאַר דער האַנט און מיך אויפֿגעהויבן.

- "קום! לאָמיר גיין! - אין אַ האַלבע שעה אַרום הויבט זיך אָן אַ פֿאַרזאַמלונג געווידמעט דער 30־טער יאָרצייט פֿון י.ל. פּרעץ טויט".

פֿאַרטיפֿט אין מיינע געדאַנקען האָב איך כמעט ניט געהערט די רעדע וועגן י.ל. פּרעץ לעבן און שאַפֿן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט, געווידמעט דער ראָזיקער יאָרצייט־דאַטע. מיט אַן אַריינפֿיר־וואָרט האָט זיך געווענדט צו די פֿאַרזאַמלטע דער מחבר פֿון דעם סצענאַר "פֿריילעכס", זלמן־שניאור אָקון. ער האָט דערציילט, אַז אין דער שווערער צייט פֿון די מלחמה־יאָרן האָט מיכאָעלס זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו ענטפֿערן אויף דער אכזריות פֿון די דייטשישע מערדערס מיט אַן אויף צו להכעיסדיקן "עם ישראל חי". און טאַקע דעמאָלט האָבן זיי ביידע באַשלאָסן, אַז בעסער פֿון אַלץ קאָן מען אויסדריקן דעם העכסטן גלויבן פֿון פֿאָלק דורך אַ יידישער חתונה, ווייל, "זי איז דער בוים פֿון לעבן, וואָס גיט אַרויס נייע גרינע צווייגן". דעם ראָזיקן פֿאַרטראַכט האָבן זיי פֿאַרווירקלעכט אין דער פֿאָרעם פֿון אַ מוזיקאַלער פֿאַרשטעלונג "פֿריילעכס". - "לאָמיר אויסנוצן די געלעגנהייט און בעטן מיכאָעלסן, ער זאָל בכבודו ובעצמו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ענין".

מיכאָעלס האָט ניט געלאָזט וואַרטן:

- דער עקר וואָס מיר זענען דאָ! - האָט ער פּשוט אָנגעהויבן: ער פֿאַרטראַכט זיך, גלעט זיין לומדישן שטערן, שווייגט אַ ווײַלע, ווי ער וויל זיך דערמאָנען אין עפּעס וויכטיקס.

- "...און איצט וויל איך דערציילן, וואָס אונדזערע תנאים האָבן בשעתם געזאָגט וועגן די הויפּט־פּערסאָנאַזשן פֿון דער חתונה - וועגן חתן און כלה. זיי זאָגן: "חתן דומה למלך" - דער חתן איז געגליכן צו אַ קיניג, און פֿון דער כלה איז דאָך שוין אָפּגערעדט - זי איז דאָך די אם הבנים - די צוקונפֿטדיקע מאַמע פֿון די קינדער!" ער שפּרייזט אַרום אַהין און צוריק איבער דער בינע און דרשנט ווייטער:

"...אַ כלה האָט שיינע אויגן! ביי אַזאַ כלה איז דער גאַנצער גוף שיין! און וועגן איר טאָר מען קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגן!" - און ער דערציילט וועגן דעם דיספּוט, וועלכער איז פֿאָרגעקומען צווישן שמאי און הלל בנוגע דעם ראָזיקן ענין:

"דער שטרענגער שמאי פֿרעגט מיט אַ בייז פֿייערל אין די אויגן, וואָס וועט זיין, אויב די כלה איז אַ מיאוסע, מיט אַ מום? - דאַן וועט דאָך דאָס לויב־געזאַנג, אַז זי איז זיין, זיין פֿאַלשו" - און מיכאָעלסעס אויגן, און מיכאָעלסעס שטימע ווערן גלייך באַהילט מיט הללס גוטסקייט - "און הלל זאָגט... און הלל ענטפֿערט":

"וויבאַלד די כלה גייט אויפֿשטעלן אַ דור און פֿאַרמערן די צאָל פֿון אונדזער פֿאָלק, איז ווי זי זאָל ניט אויסזען, איז זי מיט דעם אַליין שיין, און מיט דעם אַליין פֿאַרדינט זי די האַרציקסטע לויב־געזאַנגען." און ווייטער דערציילט מיכאָעלס וועגן רב הכאָ, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז די כלה דאַרף מען טראָגן ווי אַ ספר תורה אויף די הענט, זי קושן און טאַנצן. און מיכאָעלס ווייזט ווי אַזוי מען דאַרף טאַנצן מיט אַ כלה.

...עס האָט זיך אויפגעהויבן דער פֿאַרהאַנג און עס איז אַוועק "פּריילעכס". "מחותנים גייען! מחותנים קומען!" - און יעדער מחותן מיט זיין הולך, מיט זיין קוק אויף דעם צווייטן מחותן. טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס, מומעס און פֿעטערס, קרובים און שכנים, חתנס צד, וואָס בלאָזט זיך און כלהס צד, וואָס פֿאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ... אַ ניקאָלייעווער סאָלדאַט, מיט לאַנגע וואָנצעס, וואָס האָט לאַנגע 30 יאָר אָפּגעדינט און קאָן זיך ניט אָנטאַנצן־אויסטאַנצן דעם ווייטיק פֿון אַזוי פֿיל פֿאַרשפּילטע יאָרן. דער אַלטיטשקער זיידע, וועלכער זינגט "80 ער און 70 זי", - "זי", וואָס האָט ליב די איידעמס און "ער", וואָס האָט ליב די שנורן. און די אָרעמע מומע - "כאָטש אַן אָרעמע, אַבי אַ כוואַטסקע".

"אָרעם איז ניט גוט" - קלאָגט די מומע - "טאָ לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט." און צוויי בדחנים קיניגן מיט צוויי בדחנישע קרוינען.

...און פֿאַר די פֿאַרכשופֿטע צושויערס שפּילט און רוישט אַ חתונה - אַ קאַרנאַוואַל, אַ חתונה־מאַרש, דורכגעדרונגען מיט טביהס געבאָט: "פֿאָר ווייטער, טביה"!

***

דאָס צווייטע און לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפֿן מיט מיכאָעלסן אין צוויי און אַ האַלב יאָר אַרום. נאָר דאָס מאָל... שוין נישט אין זיין חדר המיוחד!

אויף אַ הויכן פּאָדיום, צווישן בערג פֿון בלומען און קראַנצן איז געשטאַנען אַ רויט פֿאַרדראַפּירטער אָרון און אין אים - שלמה מיכאָעלסעס קערפּער. אויף זיין שטערן האָבן זיך געצייכנט ראָזעווע גרים־פֿלעקן. אונטער דעם לינקן אויג - אַ שוואַרצער פֿלעק, וועלכן פֿאַרגרימירן האָט זיך ניט איינגעגעבן. אויף זיינע ליפּן האָט גערוט אַ פֿאַרביטערטער שמייכל.

אין מאָסקווע איז געשטאַנען אַ פֿראָסט. אַ געדיכטער שניי האָט פֿאַרווייעט די גאַסן און האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן. מחנות מענטשן - יידן און ניט־יידן - זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער שלמה המלך. אַלע האָבן מוראדיק געשוויגן, ווייל אַלע האָבן פֿאַרשטאַנען, ווער עס האָט אים געהרגעט...!

מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מיט פֿאַרמאַכטע אויגן האָט פּרץ מאַרקיש געלייענט זיין הספּד־פּאָעמע: "שלמה מיכאָעלס - אַ נר תמיד אויף זיין קבר". אין איר האָט פּ. מאַרקיש ניט נאָר דערציילט וועגן דעם שרעקלעכן בראָך, וואָס האָט געטראָפֿן, ער האָט אָנגערופֿן די "פֿאַשיסטן, וועלכע האָבן געהרגעט דעם "עלטסטן" און דעם "רייכסטן" - דעם "כהן גדול, שהיה עומד על דוכנו" וועלכער האָט 20 יאָר געדוכנט און מיט זיין געני באַשיצט דאָס יידיש פֿאָלק.

## אַ בוך פֿון מרדכי באַומאַן דערשינען

אַ בוך פֿון מרדכי באַומאַן, וואָס אַנטהאַלט עסייען, שילדערונגען און זכרונות פֿון דער חורבן־תקופֿה, ווי אויך פּובליציסטישע און ליטעראַרישע עסייען, איז דערשינען אין יידיש און ענגליש, מיט אַ הקדמה פֿון ד"ר העשיל קלעפּפֿיש.

דאָס בוך האָט 373 זייטן און איז צו קריגן ביים ביכער־פֿאַרקויף אין אַרבעטער־רינג:
45 East 33rd St. NY 10016

אָדער ביים מחבר לויטן אַדרעס:
M. Bowman
132-71 Avery Ave., Flushing, NY • Tel (718) 358-3973

מ. אַליצקי / ניו־יאָרק

## גרוי

פֿראָשעט גרוי דער רעגן,
גרוי אַ נעפּל ציט,
אַ באַלויכטן פֿענצטער
שרײַט אַרײַן אַ ליד.

די זיסע שטים פֿון ראַדיאָ
וואָלט איך בעסער הערן,
אַ שטילינקע - זי זאָל דאָס גרויע
קיינעם נישט פֿאַרשטערן.

## פֿונעם אַמאָל

מיט ליכטיקע און גרויסע פֿענצטער
האָט די שטוב געקוקט
אַריבער דעם שאָסיי,
דעם מאַרק אַריבער,
געקוקט מיט גדלות צו דעם הימל,
די וואָלקנדלעך און גרינע פֿייגל,
דער זון דער בלענדנדיקער
גלײַך אין פּנים.

די הויכע שוועל
איז פֿאַרענאַכט
געוואָרן פֿאַר מײַן ברודער ברוך
אַ טרעפּל
צו דעם זונפֿאַרגאַנג.

אויפֿן דאַך
געשטאַנען זענען
בעקנס בלעבענע
פֿאַרגאָסן מיט לבֿנה.

הינדע זאַרעצקי / ניו־יאָרק

## ערגעץ דרימלען לידער

פֿיר מיך יענעם וועג
ווו לידער דרימלען,
ערגעץ וואַרטן לידער
געדולדיק, ווי גרעזער.
שאָטנס שפּרייטן וואַלד
שלייערן.
ביימער באַפֿעלקערן

וואַלד,
דעמב,
יאַשמין,
בעריאָזע.
געפֿין סוד
פֿון נעקטאַר.

## רחמימדיקער

די זון איז פֿאַרגאַנגען
פֿייערדיק רויט,
היינט, ווי אַ מאָל,
אַ זון־אונטערגאַנג.
אומעט האָט
איבער וועלט
זיך געשפּרייט.
קוק איך אין פּנים
פֿון בין־השמשות -
די זון גיסט אויס

דאָס האַרץ אין פֿלאַמען,
שווימט מידער טאָג
אין שווימיקע ימען.
ווען גאָט לעשט אויס
דאָס ליכט פֿון טאָג
דרימלען בלומען,
שליסן זייערע ליפּן צו,
גייט אויף איבער וועלט
רחמימדיקע רו.

שושנה באַלאַבאַן-וואָלקאָוויטש

## אין אַ טונקעלער נאַכט

איך גיי אַ פאַרלוירענע
ביינאַכט אויף אַ פוסטער גאַס.
די נאַכט איז טונקל, שוואַרץ.
נאָר מיין האַרץ - פול מיט שיין.
ווי אין אַ פרילינג-טאָג.

ווייטע וועלטן, סודותידיקע,
לייכטנדיקע שטערן,
קוקן אויף מיר,
פינקלען מיט זייער שיין.

איך גיי, איך וואַנדער,
אין אַ טונקעלער נאַכט -
מיט אַ ליכטיק האַרץ...

## דער הימל וויינט

עס פאַנגט אָן
אַ גרויער טאָג.
דער הימל הייבט אָן
וויינען נאָך אַ מאָל.
די גאַסן זענען פוסט,
דער ווינט איז בייז.
קינדער שפילן אין די הייזער.

מען הערט נישט
דאָס פייגעלע ציפ־ציפ
מען הערט נאָר
ווי אַ מאַמע זינגט
אַ וואַרעם וויגליד...
און דער הימל, וויינט.

## איינס

ווען דער האַרבסט
האָט דיך פאַרלאָזט
און דער ווינטער
איז אין דיר
אַריין,
זענען די בלעטער
געפאַלן...

ווען דער פרילינג
האָט מיך פאַרלאָזט
און דער זומער
איז אין מיר
אַריין,
פרוכטן זענען
געבוירן...

ווען דער ווינטער
אין דיר
האָט אָנגעהויבן
בליען,
ווען דער זומער
אין מיר
האָט אָנגעהויבן
שטראַלן
זענען מיר
געוואָרן - איינס...

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב-שטאַטן פון אַמעריקע

שמואל באַט

# פּיניע פּלאָטקין צו זיינע גבורות

מיט אייניקע יאָרן צוריק איז פון געוועזענעם סאָוועטן־פאַרבאַנד געקומען קיין לאָס־אַנדזשעלעס דער דיכטער פּיניע פּלאָטקין. דאָ האָבן מיר זיך באַקענט מיט אים און אויך מיט זיין שאַפונג. זיינע לידער האָבן זיך געדרוקט אין "סאָוועטיש היימלאַנד" זינט דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין מאָסקווע אָנהייב די 60־ער יאָרן, נאָך אַ לאַנגן געצוווּנגענעם שווייגן פון דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור אין די יאָרן פונעם ברוטאַלן סטאַלין־טעראָר. פריער איז דער נאָמען פּיניע פּלאָטקין קוים געווען באַקאַנט אויסער די גרענעצן פון ווייסרוסלאַנד און נישט איין לייענער האָט זיך געפרעגט: ווער איז דער יונגער פּאָעט פון וועמענס ריכטונג ס'האָט אַ ווייע געטאָן מיט ווייסרוסישע וועלדער־ווינטן, מיט אַ יוגנטלעכער פרישקייט און קלאָרקייט.

ערשט שפּעטער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז דער "יונגער" דיכטער איז שוין אַ בן שישים, וואָס איז טאַקע געווען שווער צו גלויבן, ווייל יעדעס ליד זיינס האָט געטראָגן מיט זיך אַ נייעם קוק אויפן לעבן, אַ נייע כמעט קינדישע צוגעבונדקייט צו נאַטור, היים, וועלט.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, ווען מיר מערקן אָפּ דעם דיכטערס גבורות, זיין 80־טן געבוירנטאָג, איז ער אין זיינע לידער נאָך אַלץ פאַרבליבן דער יונגער, פאַרליבטער אין לעבן, נאַטור און מענטש.

געבוירן דעם 10 מערץ 1915 אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד, אין אַ משפּחה ווו טאַטע־מאַמע האָבן באַראַרפט כאָווען 4 ברידער, איז ער אין עלטער פון 3 יאָר אַריבערגעפירט געוואָרן אין שטעטל ליובאַניטש, פון וואַנעט זיין מוטער האָט געשטאַמט. אין דער קלענערער סביבה פון יידן, ווו "איינער רייבט זיך אינעם צווייטן", איז לייכטער געווען דעם טאַטן באַקומען אַ שטעלע אין וואַלד און קוים־קוים קאָרמענען דאָס ווייב מיט די קינדער.

אין ליובאַניטש האָט פּיניע געלערנט דאָס יידישע לשון אין אַ יידישער אָנפאַנגשול. שפּעטער אַרבעט ער עטלעכע יאָר מיטן פאָטער אינעם וואַלד־באַצירק, העלפנדיק מיט פּרנסה. אָבער די שטרעבונג צו בילדונג ברענגט אים צוריק קיין באָברויסק, ווו ער באַזוכט דעם אַרבעטער־פאַקולטעט (ראַבפאַק). אין יענע יאָרן האָבן באַוווּסטע יידישע שרייבערס געזוכט אָנפאַנגער שרייבערס און פּאָעטן, בכדי העלפן זיי איינאָרדנען זיך אויף ליטעראַטור־פאַקולטעטן אין הויכשולן. פּיניע פּלאָטקין איז געווען איינער פון זיי. זיין ערשט ליד אין מינסקער "יונגער אַרבעטער" א.ג. "מיין יוגנט גרוס" (1934), שפּעטער זיינע לידער אין זשורנאַל "שטערן" און אין דער טעגלעכער צייטונג "אָקטיאַבער", האָבן זיך געוואָרפן אין אויג פון איזי כאַריק. ער האָט אַריינגענומען פּיניען אין אַ גרופּע שרייבער־אָנפאַנגער צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען הירש רעלעס, חיים גורעוויטש, ראובן רייזין, מאָטל דעכטיאַר און אַנדערע, און זיי איינגעאָרדנט אין הויכשולן. אַזוי איז פּלאָטקין געוואָרן אַ סטודענט פונעם ליטעראַריש־לינגוויסטישן פאַקולטעט ביים מינסקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט, וועלכן ער האָט פאַרענדיקט אין 1939, ווען ס'האָט זיך נאָרוואָס אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה.

פיניען האָט מען גענומען אין דער אַרמיי. שוין זייענדיק אין דער אַרמיי, ווייט פון זיין היים, האָט ער זיך דערוווסט, אַז אין די ביכער־קראָמען האָט זיך באַוויזן אַ נײַ בוך "לידער־זאַמלונג", אין וועלכן ס'זענען אַריין לידער פון די אויבן דערמאָנטע יונגע דיכטער און צווישן זיי כמעט אַלע לידער וואָס פּיניע פּלאָטקין האָט געשריבן זייענדיק אַ סטודענט פונעם "ראַבפאַק" און אינסטיטוט. דאָס איז, ליידער, געווען דאָס איינציקע, ביז איצט דערשינענע בוך פונעם דיכטער.

אין דער מלחמה האָט ער געקעמפט אויף פאַרשיידענע פראָנטן און פאַרענדיקט מיטן איינעמען די פּרייסישע שטאָט קעניגסבערג. געקומען צוריק אַ היים האָט ער זיך דערוווסט, אַז פון דער גאַנצער משפחה איז ער געבליבן איינער אַליין. דאָס האָט געמאַכט אַ שוידערלעכן ריס אין זיין האַרצן. ער האָט באַוויינט די אבדות אין דעם רירנדיק און טראַגישן ליד "פיר ברידער זיינען מיר געווען", ווו ער דערמאָנט זיין מאַמען, וואָס האָט נחת פון אירע פיר זין... "בחורים שלאַנקע, געזונטע שיינע..." אָבער קיינער, אַ חוץ אים אַליין איז נישטאָ מער.

פון אונדזער פירלינג מיין ברודער דעם ייִנגסטן
האָבן דערמאָרדעט גזלנים־פאַשיסטן.
די מערדער די זעלבע, די זעלבע סאָלדאַטן
האָבן דערהרגעט מיין מאַמען, מיין טאַטן.
פון אונדזער פירלינג – מיין ברודער דער צווייטער
אין אָפענער שלאַכט איז געפאַלן אַ טויטער...
ניטאָ איז דער דריטער פון אונדזער פירלינג
איך ווייס ניט ביז איצט ווו זיין קבר געפינט זיך...

\- - - - - - -

מיר זיינען געווען פיר ברידער,
בין איך געבליבן איינער.

פיניע פלאָטקין איז געווען זייער צוגעבונדן צו זיין משפחה. אין אַ סך לידער, וואָס זענען געווידמעט זיין מאַמען, דעם טאַטן, דריקט ער אויס בענקשאַפט נאָך זיי. אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט די געשטאַלט פון דער מוטער. אָט לויפט ער "קלאָרע וואַסער... ברעגנען אין עמער", אָט קומט זי צו אים אין חלום, "זעצט זיך אַ פאַרוויינטע לעם... בעט..." און ער געדענקט, אַז "סוף כל סוף האָט זי באַשטימט

...איך זאָל וואָס גיכער אָפּפאָרן פון שטעטל
און אירע זין געפינען אומבאַדינגט...
איך זוך זיי ביז אַצינד – וווהין איך קום
ס'איז דאָך אַזויפיל קברים אומעטום...

("איך זוך זיי ביז אַ צינד")

וועגן זיין גרויסער צוגעבונדקייט צו דער משפחה, וואָס איז אין דער מלחמה אומגעקומען מיט מיליאָנען ייִדן צוזאַמען, איז אַ טראַגישער עדות דאָס נישט גרויסע, אָבער אָנגעלאָדענע מיט ליבע און טראַגיק ליד, אין וועלכן דער פּאָעט שטעלט פעסט, אַז אויב ער וואָלט אין שלאַכטפעלד אומגעקומען, וואָלט קיינער נישט געבליבן אים צו באַוויינען.

אָבער דאָס לעבן מוז אָנגיין ווייטער. דער דיכטער באַזעצט זיך אין באָברויסק, אין זיין ווייסרוסישער געבוירנשטאָט, פאַרלייגט אַ משפחה און אַרבעט אין דער געגנטלעכער ווייסרוסישער צייטונג ״סאָוויעטסקאַיא ראַדימאַ״ (סאָוועטיש היימלאַנד), נישט אויפהערענדיק שרייבן יידישע לידער, וועלכע ער האָט, ווי סך צענדליקער יידישע פּאָעטן און שרייבערס נישט געהאַט ווו צו דרוקן, ווייל אין לאַנד האָט זיך שוין געהאַט צעבושעוועט דער סטאַליניסטישער וויסטער טעראָט וואָס האָט געצילט אויסצוראָטן די יידישע ליטעראַטור און קולטור צוזאַמען מיט אירע שעפער. פּיניע פּלאָטקין ווערט אַ לערער אין אַ ווייסרוסישער מיטלשול און אַרבעט דאָרט ביז ער האָט מיט ווייטיק אין האַרצן געמוזט פאַרלאָזן זיין קאַנט, וועלכן ער האָט צאַרט באַזונגען אין זיינער אַ ליד:

״דו האָסט באַשיינט מיך און וועסט באַשיינען.
ס׳האָט קיינער מיך אַהערצו ניט פאַרנאַרט.
די ראַבינעס און די בעריאָזעס דיינע
כ׳האָב ליב ביז ווייטיק, אויפריכטיק און צאַרט.

מיך פרייט ווען פרי דער ווינטער גייט אַריבער,
ווען פרי דער פרילינג גוטע רעגנס ברענגט.
איך וועל זיך ניט אַנטווייגען פון מיין ליבע -
זי איז אין בלוט ביי מיר, אין מיין געביין.״

ווען אין מאָסקווע, נאָך אַן אַלוועלטלעכן דרוק אויף דער רעגירונג, הייבט אָן דערשיינען דער איינציקער יידישער חודש־זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״, באַווייזן זיך כמעט אין יעדן נומער פּיניע פּלאָטקינס לידער און פּאָעמעס, אָבער צום אַרויסגעבן אַ זאַמלונג פון די לידער אין בוך־פאָרעם איז נישט געקומען צוליב סיבות, וואָס זענען פונעם דיכטער נישט געווען אָפּהענגיק. אַ גרעסערע זאַמלונג פון זיינע לידער אונטערן נאָמען ״מיט אַן אָפּן האַרץ״ איז אָפּגעלעגן אינעם מלוכה־פאַרלאַג ״סאָוויעטסקי פּיסאַטיעל״... גאַנצע 12 יאָר... און דער דיכטער האָט זיך נישט דערוואַרט, אַז זי זאָל דערזען די שיין.

אין 1992 קומט פּיניע פּלאָטקין, צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן, וואָס זענען געצוווּנגען געוואָרן אָפּרייסן זיך פון זייערע געבוירן־און וווין־ערטער, קיין אַמעריקע. ער באַזעצט זיך אין לאָס־אַנדזשעלעס און געפינט זיין ליטעראַרישע היים אין ״יידישע קולטור״ און ״חשבון״.

* * *

פאַר די 60 יאָר שעפערישע טעטיקייט האָט פּיניע פּלאָטקין אָנגעשריבן און געדרוקט עטלעכע הונדערט גרעסערע און קלענערע לידער, פּאָעמעס, סאָנעטן, וואָס נעמען אַרום אַ גאַנצע געשיכטלעכע עפּאָכע. זיין מוזע רופט זיך אָפּ נישט נאָר אויף נאַטור־בילדער און דערשיינונגען, נאָר אויף אַלץ וואָס געשעט אין זיין לעבן, אין זיין משפחה, אינעם לעבן פונעם לאַנד, ווו ער איז געווען איינגעוואַקסן מיט זיינע וואָרצלען. די ווייסרוסישע וועלדער, אין וועלכע ער האָט געאַרבעט ווי אַ יונג בחורל, דאָס מאָלערישע שטעטל ליובאָניטש, די בערעזינע, ווו נאַפּאָלעאָן האָט אַ מאָל געליטן אַ גרויסע מפּלה, די נאַטור אַרום מיט די ריאַבינעס, קליאָנען, בעריאָזעס און מעכטיקע דעמבעס האָבן געלאָזן טיפע

שפורן אין אַ סך פון זיינע לידער און פּאָעמעס. אים זענען אויך נישט פרעמד געשעענישן, וואָס קומען פאָר וויט פון זיין היים, ער רופט זיך אָפּט מאָל אָפּ אויף זאַכן וואָס זענען אויס צו זיין נישט וויכטיק. אָבער אונטער זיין פען, באַפאַרבט מיט זיינע געפילן, מיט זיין סובטעלער און צאַרטער ליריק, באַקומען זיי אַ טיפן זין. אַ סך לידער ווידמעט ער טאַטע־מאַמע און פראָנט־חברים, די אַ מאָל פולע מיט לעבן און איצט פאַרברענטע, צעשטערטע יידישע היימען און שטעטלעך.

דער פאַרמעסט מיטן דעם־שונא פון אונדזער פאָלק, דעם היטלעריסטישן פאַשיזם, די קאַמפן אויף די פראָנטן, דאָס קוקן דעם טויט אין די אויגן יעדן טאָג, יעדע רגע, האָט זיך אַזוי איינגעגעסן אין זיין וועזן, אַז אַפילו לאַנג נאָך דעם ווי די קאַנאָנען זענען אַנשוויגן געוואָרן קאָמאַנדעוועט ער נאָך מיט זיין ראָטע.

– "פייער! פייער!"
איך באַטראַכט
ווו ס'איז גרינגער אַ פּלאַצדאַרם צו פאַרנעמען.
צושפּאַרן דעם רייטש מע דאַרף צום טייך,
ער זאָל פון דאָרט אָפּטרעטן
ניט קענען.
ווידער קלינגט,
און ווידער דער קאָמבאַט.
"ניט פאַרגעס זיך! – גיט ער צו – גענוי
מיט דער צווייטער ראָטע זיך פאַרבינדן"!

שריי ניט אין דער פינצטער. – זאָגט מיין פרוי –
זאָלן רואיק שלאָפן דיינע קינדער."
("אין חלום")

די פראָנט־לידער פאַרנעמען אין פיניע פּלאָטקינס שאַפן אַ וויכטיק אָרט. אין זיי קומט צום אויסדרוק דעם דיכטערס האָס צום שונא, דער טיפער ווייטיק און פיין פון פאַרלירן נאָענטע פריינד, דורך באַשרייבן זי גורלות פון איינצלנע פערסאָנאַזשן אָדער גרופּן ברענגט ער אַרויס דעם וויסט־און־ווי, דעם גרויסן צאָרן און די פיין פונעם פאָלק. בולט קומט דאָס צום אויסדרוק אין אַזעלכע לידער ווי "רחלע", "שטיינער דערציילן" "דעם טאַטנס שטוב", "דאָס אומגעקומענע שטעטעלע", "אונדזער הייליקער חוב", "לידער אין אָנדענק פון מיין יידיש שטעטל" און אַנדזערע.

...און ס'שטייט לעבן קבר אַ פּשוטער יידישער דיכטער
דאָרט ווו ס'איז זיין שטעטל פאַרגראָבן געוואָרן, פאַרניכטעט
און ס'זעען די אויגן דעם דיכטערס גענוג דורך דעם האַרבסטיקן נעפּל
ווי טיף אין דער ערד פאַרגראָבן געוואָרן זיין שטעטל,
ווי ס'בייגט זיך אַ טאָפּאָל און וויינט פון די טויטע באַהאַלט זיך,
ווען אָפּט מאָל, ביינאַכט, פון אַ מבול, דער הימל צעשפּאַלט זיך.
("אין אָנדענק פון מיין יידיש שטעטל")

אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן פאַרשטאַרקט זיך ביים פּאָעט די לירישע טעמאַטיק און אין צענדליקער לידער זיינע פילט זיך דער אַראָמאַט פון די ווייסרוסיש־פּאָליעסיער

וועלדער און פעלדער, עס שפּיגלען זיך די שיין פון דער זון, די זילבערנע שטראַלן פון דער קאַלטער לבנה ביינאַכט, עס טראָגט פון זיי מיט צפונדיקן פראָסט און שניי, מיט פרילינג און רייפע אָסיענדיקע עפּל.

ווען מיט יאָרן שפּעטער ווערן אויפגעדעקט די גזירות פונעם בלוטיקן סטאַלינישן רעזשים, ווערט זיין דיכטונג פול מיט צאָרן און טרויער. אין איינעם פון זיינע לידער שרייבט ער:

"דאָרט האָבן אסירים בפירוש
פון פרי ביז נאַכט זיך געמאַטערט.
דאָרט זענען ניטאָ קיין מצבות,
קיין רענקמאָל נישטאָ איז אודאי.

ווי ווייט זענען איצט יענע יאָרן,
נאָר אָפּטער און אָפּטער און אָפּטער
עס שטעלן זיך אויף אין זכרון
די אומשולדיק באַשטראָפטע.

און אויף אַ צווייט אָרט:

עס וועלן זיך בייטן דורות,
די ערד וועט זיך דרייען, באַוועגן.
און ער וועגן סטאַלינס גזרות
וועט שרייען און וועקן און פרעגן.

("צום רענקמאָל")

אַ דראַמאַטישע אָנלאָדונג פילט זיך אין פלאָטקינס פּאָעמע "טשערנאָביל אין פיר יאָר אַרום" ווו ער שילדערט די שרעקלעכע טראַגעדיע פון איינעם פון די אַטאָם־רעאַקטאָרן וואָס האָט פאַרפּלייצט מיט נוקלעאַרן טויט־שטויב הונדערטער דערפער, פאַרוויסט אַ גאַנצע שטאָט, צעשפּרייט זיך אויף אַרומיקע לענדער. די פיר טיילן פון דער פּאָעמע "דער סאַקראָפאַג", "ביימער", "דאָס געזעגענען זיך", "קינדער", - כאָטש זיי גיבן איבער אין אַ פּלאַסטישער פאָרעם די גרויסע קאַטאַסטראָפע וואָס האָט געטראָפן די מענטשן און די נאַטור אַרום, זענען דורכגעוועבט מיט פלאָטקינס ספּעציפישן ליריזם און מאָלערישקייט. מיט דער זעלבער קראַפט זענען געשריבן זיינע מייסטערישע מיניאַטורן. אין ווינציקע ווערטער אָבער אָנגעפילטע מיט חכמה און שיינקייט ווייזט ער אונדז די וועלט, די נאַטור, דעם מענטש אַזוי, אַז ס'פאַרכאַפּט אָפּט מאָל דעם אָטעם. אָט איז אַ פראַגמענט פון דער "באַלאַדע וועגן אַ פאַרוווּנדעטער שוואַלב":

"אויף אַ שפּיץ פון אַ בוים
לעבן וועג, ניט אין וואַלד,
האָט געהאַלטן זיך קוים
אַ פאַרוווּנדעטע שוואַלב.

אַ פּשוטער ווינט האָט געשטיפט -
פון איין פלויט געלאָפן צום צווייטן,
דערנאָך האָט ער, קענטיק, באַשטימט
באַגינען מיט אונדז זיך צעשיידן.

←

## פּיניע פּלאָטקין
# נייע לידער

## פיר צייטן פונעם יאָר

זומער פיל איך זיך געזינטער, בעסער,
ס'ווירקט אויף מיר די הייסע זון אַלזייטיק.
ערשטנס, ווערט דער טאָג אין צוויי מאָל גרעסער,
צווייטנס, איז די נאַכט אַ קורצער פרייטיק.

מיר איז, אָבער, אויך ניט פרעמד דער אָסיען,
און דעם ווינטער ווילט זיך מיר דערמאָנען,
און ווי אויף דעם בלויען הימל, פשוט
אַ פּאָרטראַכטע וואַנדערט די לבנה.

פון די שטערן אַלע, אָן אַ טעות,
קליב איך אויס די בעסטע און די שענסטע...
איך האָב ליב, ווען ס'איז דער פרילינג נאָענט,
ווען ער קלאַפּט זיך שוין אין יידע פענצטער.

לויט דעם זייגער, פּינקטלעך, הויבט אָן טאָגן,
לויט דעם זייגער הויבט אָן ווערן פינצטער.
איך האָב ליב, ווען ס'אָטעמט גרינג דער באָדן,
וועלכער האָט אונטער דעם שנײ געווינטערט.

אויף דער ערד געאַרבעט האָט מיין זיידע,
דאָ געשטאַנען איז זיין אַלטע שטיבל.
וויפל זיינען נאָך געבליבן סודות
גרויסע, קלײנע - ניט בלויז אויפן הימל?

איך בין יענער מענטש, דער זעלבער יורש
וועלכער עס פאַרגעסט ניט זיינע אבות.

---

ער האָט זיך צעהוליעט אין פעלד
און תיכף געוואָרן אַנטשוויגן.
נאָר איך האָב, ווי פריער, געהערט
דעם ווינטס אומפאַרגעסלעכן ניגון.

אָט, אַזוי זינגט דער יונגער, אַכציק־יאָריקער דיכטער, פּיניע פּלאָטקין - פּריש, זוניק, טיף־ליריש, אין פשוטע יידישע פאָלקס־ווערטער, מיט חכמה און ליבשאַפט צום אָרום, מיט גלויבן, אַז דער מענטש, די וועלט ווערט בעסער.

טאָ, זאָל ער אונדז געזונט און שטאַרק זיין עד מאה ועשרים, ביז הונדערט און צוואַנציק, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פשוטן ייד, און זאָל ער באַרייכערן אונדזער מאַמע־לשון מיט נייע פריש־יונגע און זאַפטיקע געזאַנגען.

כ'וואָלט אין חלל פליען, ווייט, אָן מורא,
און דערפֿאַר פֿאַרדינען אָפּשיי, כבוד.

אָבער ס'איז מיין צייט שוין לאַנג אַריבער:
ווייט, אין חלל, וועט מען מיך ניט נעמען.
איך וועל זיצן שפּעט און שרייבן לידער,
אָבער צוליב וואָס? פֿאַר וועמען?

1994

## צו אַ נאָענטן פֿריינד

אויב דו ביזט גרויז אַ ביסעלע געוואָרן,
אויב דו ביזט צוגעגאַנגען צו דער שוועל,
ניט זאָג, אַז שולדיק זיינען דיינע יאָרן,
ניט זאָג, אַז שולדיק איז די גאַנצע וועלט.

איך מיין, אַז דיר וועט מזל־ברכה ברענגען
דער נייער יאָר מיט זיינע שיינע טעג.
ניט אַלע שטערן צווישן זיך פֿאַרברענגען,
ניט יעדער וואָלקן רואיק גייט אַוועק.

ניט אַלץ, וואָס אָפּט מאָל לייגט זיך אויפֿן זינען,
וועט הויך זיך שטעלן פּונקט אַנטקעגן אונדז.
עס איז ניט גרינג, ניט גרינג, ניט גרינג געפֿינען
דאָס אָרט מיט מענטשן גלייך אונטער דער זון.

ניט בלייב פֿאַרגליווערט נעבן דער מזוזה,
אויב דיין געביידע פֿאַלט פֿונאַנדער, ברענט...
ווען צו אַ דיכטער קומט צוגיין די מוזע,
איז דאַן די גאַנצע וועלט אין זיינע הענט.

1994

## ווו דער הונט איז באַגראָבן

אין פּלאַמער־פּאַרק איז ער באַרימט, באַוווּסט
ביי די, וואָס דאָרט געפֿינען זיך כסדר,
ניט בלויז דערפֿאַר, וואָס ער, אַ שטילער הונט,
ניט זעלטן קומט צוגיין אָן אַ באַגלייטער.

ער גייט אַרום אַליין אַהין־און־צוריק
און שטעלט זיך אָפּ נעבן אַ פּלויט אָן אַלטן,
ווו אויף דער ערד, פֿאַרדעקט, אַ פּעקל ליגט,
וואָס איינער, ניט קיין גנבֿ, האָט באַהאַלטן.

←

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# צו פוסנס דעם מאַגניט־באַרג

## (זכרונות)

1

סוף־זומער 1943 האָבן אַלע פּוילישע פּליטים געמוזט אָננעמען די סאָוועטישע בירגערשאַפט. דאָס מאָל איז נישט געווען קיין ברירה. מיר האָבן שוין געוווּסט אַז די אָפּטיילונגען פון דער פּוילישער אַנדערס־אַרמיי זענען אַוועק מחוץ די גרענעצן פון רוסלאַנד. דער טאָצקער מיליטער־לאַגער האָט זיך אויפגעלעזט און פאַרשוווּנדן געוואָרן צוזאַמען מיט אונדזערע דאָקומענטן און אידענטיפיקאַציעס. ידיעות זענען דערגאַנגען, אַז די אַרמיי געפינט זיך אין מיטעלן מזרח אויפן וועג צום עגיפּטישן פראָנט און אַז אַ גרויסע צאָל יידן האָבן זיך אָפּגעריסן פון דער אַרמיי און געבליבן אין ארץ ישראל. מיר האָבן זיי מקנא געווען.

פון דער רוסישער פּרעסע האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן די אומגעבראַכטע קהילות אין פּוילן. סע זענען דערמאָנט געוואָרן הונדערטער נעמען פון די שטעט און שטעטלעך. די חשבונות און סטאַטיסטיקס האָבן מיט גענויקייט איבערגעגעבן וויפל ס'איז נאָך געבליבן יידן אין די פאַרקלענערטע געטאָס. אין מיין שטאָט, טשענסטאָכאָוו – בלויז צען פּראָצענט. ווען איך האָב געלייענט די טרויעריקע ידיעות איז פאַקטיש מיין שטאָט שוין געווען יודנריין. פון געטאָ איז געוואָרן אַ באַרג חורבות.

די דייטשן האָבן געליטן אַ מפּלה אין סטאַלינגראַד. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט דערלעבט די ערשטע גרויסע פרייד פון נצחון. נאָר דער אומברענג פון די רעשטלעך פאַרפּייניקטע יידן אין די דייטשע טויט־לאַגערן האָט נישט אויפגעהערט.

*

מיט אַלע בעזשענצעס בין איך מאָביליזירט געוואָרן אויפן אַרבעט־פראָנט. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ ויסעו־ויחנו קיין טשקאַלאָוו און ווייטער אַוועק לענג אויס די אוראַלער בערג. מיר זענען אָנגעקומען אין מאַגניטאָגאָרסק, אַ שטאָט פון זאַוואָדן און שטאָל־הויטעס וואָס איז געלעגן צו פוסנס דעם מאַגניט־באַרג לעבן אוראַל־טייך. אויף יענער זייט באַרג האָט זיך אָנגעהויבן אַזיע, סיביר, ווו קאַראַגאַנדאַ האָט געדאַרפט צושטעלן קוילן פאַר די הויטעס.

---

ער שלעפּט דעם זאַק און קוקט אַריין אַהין
און, אין דער זעלבער, רגע, ווערט ניט בטול,
גלייך, ווי אַ שניידער, לעם זיין ניי־מאַשין
ציט אַריין אַ פאָדעם אין אַ נאָדל,
וואָס ער האָט זי, אַנומלט, אויפן טיש
אַוועקגעלייגט אונטער אַ קנויל אַ ווייסן.
– – – – – – – –
אַ הונט וועט זיך ניט בייזערן אומזיסט
און, אָן אַ סיבה, קיינעם וועט ניט בייסן.

1994

איך בין געוואָרן צוגעטיילט צו שוואַרצע אַרבעט אין אַ זאַוואָד פון שאַמאָט און דינאַס־ציגל, פון צעמאָלענעם גראַניט און קוואַרציט, שטיינער און סקאַלעס. פון אַזעלכע ציגל אין פאַרשידענע פאָרמען זענען געבויט געוואָרן די אויוונס. טאָג און נאַכט האָבן פייער־צונגען געפלאַקערט פון די אויוונס עד לב השמים. אַזוי האָבן דאָרט מענטשן מיט שווערער מי פּראָדוצירט דעם שטאָל פֿאַר דער מלחמה מיטן בלוטיקן רייטשן שונא.

די באַראַקן ווו מיר האָבן געוווינט אין געזעמל פון כל־ערליי פעלקער און ראַסן זענען געווען נאָענט פון די אַרבעטס־ערטער. די דירעקציע פון זאַוואָד האָט זיך גערעכנט מיט די פאָלקישע סענטימענטן און דערמעגלעכט, אַז די אַרבעטער - פּוילישע, רומענישע, אָריענטאַלע א.א. זאָלן זיין צווישן אייגענע, היימישע מענטשן.

אין אונדזער באַראַק האָבן געלעבט יידישע בעזשענצעס פון פּוילן און עטלעכע פּאָליאַקן. די אַרבעטער פון אַלערליי קאַלירן און לשונות האָבן פאַרבראַכט צווישן זיך פריינטלעך, זיך געראַנגלט מיטן הונגער, מאַלאַריע און אַנדערע קרענק און יעדער האָט געבענקט צו זיין היים. און מיר?

"מיר וועלן פון אַלע רויב־פייגל אַנטרינען
אין טאָג פון ניצחון אַהיים קומען צוריק
וויינען אויף אונדזערע רואינען." (אוראל־לידער)

די אַרבעט אין זאַוואָד איז געווען אַ שווערע. יונגע הענט, געדולד און ווילן אויסצוהאַלטן, האָבן פאַרטראָטן די אַלטע אָפּגעניצטע מאַשינען. שפּאָרלס האָבן אַוועקגעשאַרט דעם שניי וואָס בוראַנעס האָבן אָנגעטראָגן אויף די שינעס און די וואַגאָנען קוילן האָבן נישט געקאָנט ווערן צוגעפירט צו די "קאָטשעלניעס". דער נאָגנדיקער הונגער איז נישט געווען קיין אויסרייד אין די גרויליקע מלחמה־יאָרן. פרויען האָבן געטאָן כמעט די זעלבע אַרבעט וואָס מענער: פון אינזשיניעריי ביז שטופּן די שווערע וואַגאָנעטקעס און אויסלאָדענען בריענדיקע ציגל פון די הייסע אויוונס. די הויפּט־מייסטערס, אינזשיניערן, בריגאַדירן און דער דירעקטאָר, האָבן אָפּט אַליין פּיזיש מיטגעהאָלפן ווי געניטע פאַכלייט.

נאָך דער טאָגיאָרער נאַכט־שיכט האָבן מיר גענומען אַ שפּריץ־באָד, צוריק אָנגעטאָן די אַרבעטס־בגדים און אַוועק געשטעלט זיך אין אַ לאַנגער ריי אַריינצוגיין אין "סטאָלאָווע". צוערשט, אַ ריי צו קריגן אַ לעפל, דערנאָך, אין דער ריי מיטן טאַלאָן נאָך ברויט; אַ באַזונדערע ריי נאָך אַ ביסל געקעכץ און צום סוף - וואַרטן מיט דער טאַץ אויף אַ שטול לעבן אַ טישל. מייסטערס, פאָראַרבעטער האָבן געגעסן אַ ביסל בעסער אין אַ באַזונדערן צימער און מיט באַדינונג. די קיך פלעגט אומגעריכט ווערן קאָנטראָלירט. ווען דער שטאָט־ריכטער אָדער פּראָקוראָר איז געקומען אין עס־זאַל, איז די זופּ געוואָרן פעטער און געשמאַקער...

איך געדענק אַ פאַל ווען נאָך אַ מידער נאַכט־שיכט האָט אונדזער בריגאַדע געמוזט קומען אויף אַ וויכטיקער פאַרזאַמלונג. שמוציק און שלעפעריק האָבן מיר געוואַרט אויפן פּרעזידיום. דער ערשטער איז אַריין דער פאָרשטייער פון זאַוואָד־פירערשאַפט, הינטער אים דער פּאַרטיי־פאָרשטייער. דערנאָך אַ דיקער אָפיציר פון נ.ק.ג.ב., הינטער אים אונדזער אייגענער פאַבריק־נאַטשאַלניק - פּאַנקראַטאָף, זיינע צוויי וויצע־דירעקטאָרן און דער סאַמע לעצטער מיט הכנעה, דער פאָרשטייער פון פּראָפ־סאָיוז. דער פּרעזידיום - אַלע אויסגעשלאָפן מיט זאַטע פּנימער און קערק האָבן

געקומען מוסערן פֿאַר דער שוואַכער נאַרמע. די בריגאַדירן האָבן געמסרט און זיך נעבעך פֿאַרענטפֿערט. דער נ.ק.ג.ב.־אָפֿיציר האָט געסטראַשעט, דער דירעקטאָר האָט צוגעזאָגט דעריאָגן און איבעריאָגן און דער פּראָפּ־סאָיוזניק האָט פֿירגעלייגט אונדזער רו־טאָג שענקען דער רעגירונג. קטאָ פּראָטיוו? (ווער איז קעגן?) נאָך אַ שווייגעניש איז דער פֿירלייג  דורכגעגאַנגען און מיר זענען אַוועק נעמען אַ שפּריץ־באָד.

דער פּראָפּ־סאָיוז, אין הסכם מיטן לעניניזם מוז קאָאָפּערירן מיטן סאָציאַליסטישן סיסטעם אָבער דורכן פּראָפּ־פֿאַריין ווערט באַשטימט די וואַקאַציע. אַפּרו־קורערטער און אַנדערע בענעפֿיטן. איך געדענק מיין צוויי־וואָכיקע וואַקאַציע אין בערעזעווקער קורהויז פֿון מאַגניטאָגאָרסקער ווערק, גוטע מאָלציייטן, באַדינונג, קולטור און פֿאַרוויילונג מיט מוזיק, טאַנץ און פֿאָרשטעלונגען.

*

איך בין קראַנק געוואָרן אויף מאַלאַריע און נאָך אַ וואָך הויכע און פֿאַלנדיקע היץ געשיקט געוואָרן אין שפּיטאָל. כ'בין נישט געווען דער איינציקער, באַנאַנד מיט אַנדערע חברים - יידן, רוסן, פּאָליאַקן האָבן מיר געקראָגן איינשפּריצונגען און געוואָרן פֿאַרגיפֿט. סע האָט געקומען אַ צאָל טעג פֿון גרויסע ווייטיקן ביז מיר זענען געוואָרן אָפּערירט און קוים אַרויס פֿון געפֿאַר. נאָך אַ בלוט־טראַנספּוזיע האָט מיר די דאָקטאָרשע געזאָגט אַז דער שפּיטאָל האָט נישט גענוג שפּייז צו העלפֿן אַזאַ קראַנקן קומען צו זיך. די הילף דאַרף קומען פֿון אויסערן שפּיטאָל. אַ גרופּע פֿון מיינע חברים האָט געזאָרגט איינער פֿאַרן צווייטן און געהאָלפֿן זיך ווי אַ משפּחה. בין איך נישט געווען אַליין. איך האָב אויך געהאַט אַנדערע פֿריינד וואָס האָבן וועגן מיר זיך דערוווּסט. יאַן מאָנק, אַ פֿריינד פֿון דאַנציג, האָט מיך באַזוכט מיט זיין פֿרוי לושיאַ,ביידע האָבן אָפּגעוווינט אין מאַגניטאָגאָרסק דריי יאָר. זי - אַ גוטע דיזיינערין און ער - אַ לערער פֿון דייטש און ענגליש האָט ווי אַן איבערזעצער געאַרבעט אין שטאָטישן "זאַוואָד־אופּראַוולעניע". (אַדמיניסטראַציע) די חברשאַפֿט פֿון דער מאָנק־משפּחה האָט מיר געהאָלפֿן אין יענער איינזאַמער צייט. ער האָט מיר געקויפֿט די שענסטע מתנה - אַ האַרמאָניקע.

דורך יאַן מאָנק האָב איך זיך באַקענט מיט נייע פֿריינד אין קלוב פֿון "פּוילישע פּאַטריאָטן" און געווען דאָרט אַקטיוו קולטורעל, מיט רעפֿעראַטן וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור. איינער פֿון יענע פֿריינד איז געווען דער פּאָעט משה שקליאַר, איצטיקער לאַנג יאָריקער רעדאַקטאָר פֿון לאָס־אַנדזשעלעסער ליטעראַרישן זשורנאַל "חשבון".

2

אין שפּיטאָל האָב איך דורכגעלעבט נאַכט־קאָשמאַרן. נאָך דער אָפּעראַציע, ווען דער פֿיבער האָט אָפּגעלאָזט, דער ווייטיק האָט אויפֿגעהערט האָבן געמאַטערט מחשבות וועגן דער היים, וועגן דער פֿרוי, קינד און עלטערן. איך האָב מיין מאַמע געזען אין שלאָף, זיך געקלאָגט פֿאַר איר, געבעטן זי זאָל רעדן צו מיר, אָבער זי איז פֿאַרביי געגאַנגען שווייגנדיק און קאַלט. אַ פֿאַרקלעמטער האָב איך איר נאָכגעשריגן מיט אַ וויינענדיק קול. די חברים האָבן מיך אויפֿגעוועקט און געפֿרעגט פֿאַרוואָס כ'האָב געשריגן - מאַמע, מאַמע, רעד צו מיר. איך געדענק מיין שרעק, אוי גאָטעניו, ווער ווייסט צי די מאַמעשי לעבט נאָך.פֿון שפּיטאָל בין איך צוריק געקומען אין באַראַק און געוואָרן צוגעטיילט צו אַ נייער אַרבעט: אוטשאָטשיק, ד.ה. פֿאַרשרייבן די טעגלעכע פּראָדוקציע. אין דער נאַכט־שיכט האָב איך געהאַט שוועריקייטן. נישט געקוקט אויף מיין אָנשטרענג בין איך שטייענדיקערהייט איינגעשלאָפֿן, פֿאַרלוירן די וואַכיקייט און אומגעפֿאַלן. דאָס האָט

יעדעס מאָל אַרויסגערופֿן ביי מיר אַ קאָמיש געפֿיל און כ'האָב זיך צעלאַכט. איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט אַ זינגענדיקן טאָטער און געלערנט פֿון אים טאָטערישע פֿאָלקס־לידער. זינגען בעת דער אַרבעט אין פֿאַבריק איז געווען אַ זעלטנקייט. דער דירעקטאָר, אַליין אַ ליבהאָבער פֿון מוזיק, האָט נישט דערלויבט געזאַנג בעת דער אַרבעט; ס'קען חלילה פֿאַרקלענערן די פּראָדוקציע.

מיין לעצט אַרבעט־אָרט אין זאַוואָד איז געווען די "קאָטשעלניע", וואָס האָט צוגעשטעלט באַהייצונג פֿאַר די קאַמערן צו פֿאַרהאַרטעווען די ציגל־פֿאָרמען איידער זיי ווערן געבּרענט אין די אויוונס. דאָס פֿירן וואַגאָנעטקעס מיט קוילן איז געווען פּרימיטיוו. ווי קאָנען הענט פֿאַרבייטן מאַשינען? אויף אַ פֿאַרזאַמלונג האָט דער דירעקטאָר פֿון זאַוואָד דערציילט וועגן אַ צוזאַמענטרעף מיט אַן אַמעריקאַנער גאַסט, אַן אייגנטימער פֿון אַן ענלעכן זאַוואָד, וואָס האָט דאָרט פּראָדוצירט אַ בעסערע קוואַליטעט און דריי מאָל אַזוי פֿיל ווי מאַגניטאָגאָרסק. בכדי אָנצוזאָגן און איבעריאָגן אַמעריקע ווערט פֿאַראָרדנט אַ קאָנטעסט פֿון די פֿאַבריק־אַרבעטער וועגן איינפֿאַלן, און די אָנערקענטע פּלענער וועלן באַלוינט ווערן. מיינע יידישע חברים פֿון באַראַק, די פּליטים פֿון פּוילן האָבן זיך אייפֿעריק גענומען צו דער אַרבעט מיט אַלערליי איינפֿאַלן, עצות און געצייכנטע פּלענער ווי געבוירענע אינזשיניערן.

די באַראַקן האָבן געהאַט אַ קולטור־קלוב אָנגעפֿירט פֿון צוויי שיינע קאָמסאָמאָלקעס. נאָך אַ שווערער אַרבעט־וואָך און אונטערהונגערן האָבן די אַרבעטער און אַרבעטערינס געטאַנצט, געזונגען, געשפּילט טעאַטער, אויסגעהערט רעפֿעראַטן, דיסקוסיעס און רעציטירט פּאָעזיע.

אַ צאָל חברים האָבן זיך פֿאַרבונדן מיט רוסישע מיידלעך. איינער האָט מיט זיין געליבטער שיקסע אפֿילו געהאַט אַ קינד. שפּעטער, ווען ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די רעפּאַטריאַציעס, איז ער נעבעך געשטאַנען פֿאַר אַ דילעמע: וואָס וועלן די עלטערן זאָגן? אפֿשר טאַקע זיך שיידן? איך האָב אים אָפּגערעדט. אויב איר ביידע האָט זיך ליב, זאָלט איר ביידע מיטן קינד צוזאַמען אַהיים פֿאָרן קיין פּוילן. צי איז אָבער נאָך געווען אַ היים? אַ סך חברים האָבן געשריבן צו די שטאָט־מאַגיסטראַטן וועגן גורל פֿון משפּחות און באַקומען אַן ענטפֿער – רעפּאָרטירט, מיר האָבן אַלע געוווּסט וואָס דאָס מיינט.

*

אין אַ פֿרייען זונטיק אין דער פֿרי האָב איך געהאַט חשק צו זיין מיט זיך אַליין. כ'בין אַוועק פֿון די באַראַקן, פֿון זאַוואָד, הינטערן שטאָט ווו ס'שפּרייטן זיך אויס די אוראַלער סטעפּעס. פֿון וויטנס האָבן פֿון דער ערד זיך געקנוילט זיילן רויך. איך גענען צו דעם מאָרנעם אָרט – ס'איז נישט קיין מיסטעריע. דאָס האָבן קומענס אַרויסגעסטרטשעט פֿון דער ערד. דאָס ערשטע מאָל האָבן פֿאַר מיר זיך אַנטפּלעקט "זעמליאַנקעס". אָפּגעזונדערט האָבן דאָרט געוווינט קולאַקישע משפּחות וואָס האָבן געאַרבעט אין זאַוואָד. שווער געווירקט האָבן אָפּט די בריגאַדעס, מענער אָדער פֿרויען – געפֿירט פֿון נ.ק.וו.ד. זעלנער, (נ.ק.ג.ב). עס האָט דערמאָנט די לאַגערן אין אוכטאַ. דערפֿאַר האָב איך געהאַט די סאַטיספֿאַקציע צו זען אויף די דייטשע פּלעניקעס מאַרשירן צו אַן אַרבעט. געפֿירט אונטער אַ וואַך האָבן זיי האָפֿערדיק געזונגען וועגן זייער היימאַט...

די סאָוועטישע אַרמיי האָט כסדר געטריבן דעם שונא און צוזאַמען מיט דער פּוילישער אַרמיי באַפֿרייט די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, אָבער אָן יידן, מיר האָבן געהערט שוין פֿון עדות וועגן די אומקום־לאַגערן. די מלחמה איז אַריבער אויף דער

דייטשער ערד און מיר זענען אַלץ נאָך געווען צווישן די מאָביליזירטע אין דער אַרבעטס־אַרמיי. אין באַראַק האָבן די צוויי קאָמסאָמאָלקעס זיך אָנגעהויבן חברן מיט אונדזערע בעזשענצעס און אַ ביסל שפּיאָנירן פֿאַר דער נ.ק.ג.ב. ווען וואָס מיר רעדן, טראַכטן "פּלאַנירן"; זיי האָבן אַפֿילו געפֿירט ראָמאַנסן מיט צוויי יידישע בחורים.

אַ פֿריינד איז גערופֿן געוואָרן אין אָפּיס פֿון דירעקטאָר און אויפֿן שוועל פֿון טויער פֿאַרהאַלטן געוואָרן פֿון אַ ציווילן אַגענט און געבראַכט געוואָרן אין הויז פֿון נ.ק.ג.ב. זיי האָבן אים מכלומרשט באַשולדיקט, אַז ער איז אַ שפּיאָן פֿאַר דער לאָנדאָנער רעאַקציאָנערער פּוילישער רעגירונג, און אויב ער וויל זיך ריינוואַשן זאָל ער געבן די נעמען פֿון די וואָס האָבן פֿיינט דעם ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַן אַגענט און נאָך אַ טאָג זלזולים און סטראַשונקעס האָט ער געמוזט אונטערשרייבן ניט צו דערציילן קיינעם וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. ער איז געוואָרן צוריקגעשיקט אין באַראַק. מיר האָבן אָבער געוווּסט פֿון איינעם אַ מסור צווישן אונדז און זיך געהיט מיט איבעריקע רייד.

*

איך האָב אָנגעהויבן ווערן אַקטיוו אין קלוב פֿון פּוילישע פּאַטריאָטן וואָס איז באַשטאַנען פֿון 95 פּראָצענט יידן. די פֿירערשאַפֿט איז געווען אַ קאָמוניסטיש־אַסימילאַטאָרישע. איינער פֿון די אָנפֿירער איז דער ערשטער אַוועק קיין פּוילן און געשריבן אַ בריוו צו זיין פֿרוי, אַ לערערין פֿון קונסט, און איר געראָטן נישט צוריק צו קומען, מחמת אַנטיסעמיטיזם אויך אין די פֿאַבריקן. ער גייט אָן ווי אַ פּאָליאַק און איר אויסזען איז אַ יידישער.

איר אַנטוישונג אין "געטרייען" מאַן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיט עמך. צווישן מיינע נאָענטע פֿריינד זענען דעמאָלט געווען די ברידער איצעק און מאַנעס זאָנשיין פֿון לאָדזש. אַ באַזונדערע פֿריינדשאַפֿט האָט מיך דעמאָלט פֿאַרבונדן מיט משה שקליאַר און זיינע חברים. די גרופּע איז געווען מיין יידישיסטישע קולטור־סביבה. אָבער אויך אין דער גרופּע האָט מען מיך געוואָרנט פֿאַר איינעם, אַ געפֿערלעכן מסור.

אין יענער סביבה האָבן מיר צוזאַמען אָפֿט אָנגענעם פֿאַרבראַכט; געלייענט פּאָעזיע. געזונגען פֿאָלקסלידער און געשפּילט אויף דער האַרמאָניקע.

גאָר אַקטיוו אין קלוב איז געווען אַ יידישע דאָקטערין (נירענשטיין), וואָס האָט אָנגעפֿירט אַ געזונט־צענטער. זי האָט געהאַלטן רעפֿעראַטן וועגן מיצקעוויטש, און איז אָפֿט בייגעווען אויף מיינע לעקציעס וועגן דער פּאָזיטיוויסטישער און ניי־ראָמאַנטישער ליטעראַטור, וואָס האָבן אַרויסגערופֿן דיסקוסיעס. מיינע רעפֿעראַטן זענען געוואָרן זאָרגעוודיק צענזורירט. ס'איז מיר אויסגעקומען צו אַרגומענטירן וועגן דער אַמביוואַלענטער באַציאונג צום יידנטום פֿון די ליבעראַלע פּוילישע נאָוועליסטן – באָלעסלאַוו פּרוס און אַנדערע יידן־פֿריינדלעכע שרייבערס ווי אָזשעזשקאָוואַ וואָס האָט אויסגעדריקט טענדענצן פֿון אַסימילאַציע מיטן פּאָלאָניזם. די אָפּהיטער פֿון דער ליניע האָבן געטענהט, אַז דער דיאַלעקטישער צוגאַנג פֿאָדערט אַ נייע אויסטייטשונג פֿון די אמתן, אויך וועגן אַנטיסעמיטיזם פֿון אַזעלכע מייסטערס פֿון דער רוסישער ליטעראַטור ווי דאָסטאָיעווסקי, טורגעניעוו וכדומה.

אין קלוב פֿון די פּוילישע פּאַטריאָטן איז נישט געווען קיין יידישיסטישע קולטור־אָפּטיילונג. מיט משה שקליאַרן האָב איך זיך באַגעגנט אָפֿט אין אַ פּריוואַטער

סביבה און מסיבות ווּ מיר האָבן געלייענט אונדזערע לידער. שקליאַר איז געווען אַ קענער פון דער יידישער ליטעראַטור, יינגער פון מיר און מיט אַ שטאַרקן פּאָעטישן דראַנג צו דערגרייכן זיין וועג. ס'האָט אונדז ביידן געפעלט קוראַזש צו שיקן ערגעץ־ווו אונדזערע פערזן. איך האָב זיך געשראָקן פאַר די באַקאַנטע יידישע שרייבערס, וואָס האָבן געשריבן ענטוזיאַסטישע לויב־געזאַנגען פאַרן סאָוועטישן לעבן. כ'האָב דורך די פינף יאָר אַליין דערפאַרן די ליגנס פון "יאַ דרוגאָי טאַקאָי סטראַני ניע זנאַיו, גדיע טאַק וואָלנאָ דישיט טשעלאָוויעק" (איך קען נישט נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער מענטשט עטעמט אַזוי פריי). איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווסט וועגן טראַגישן גורל פון איזי כאַריק, זיסקינד לעוו, משה קולבאַק, מאַקס עריק און פיל אַנדערע שרייבערס. אַזוי האָבן מירביידע ביי זיך אָפּגעמאַכט וואַרטן ביז מיר וועלן זיין פריי צו דעצידירן וועגן אונדזערע מאָרגנס. מיר האָבן זיך נאָך שפּעטער געטראָפן אין לאָדזש. אין סעפּטעמבער 1946 בין איך מיטן קליינעם איבערבלייב פון מיין משפחה, ליזאַ און רוטקאַ, שוין געווען אין פּאַריז.

*

ניין, איך האָב נישט געשריבן, נישט זיך נאָכגעפרעגט וועגן מיין משפחה אין טשענסטאָכאָוו אָדער אָטוואָצק, וויסנדיק די ענטפערס: דעפּאָרטירט. אָבער פּלוצעם קומט אין באַראַק אָן אַ בריוו אַדרעסירט צו מיר, פון מענטשן וואָס זייערע נעמען זענען מיר געווען פרעמד און נאָנט; מיין שוועגערין ליזאַ און מיין זיבן יאָריק טעכטערל רוטקאַ מיט אַ נאָמען לעאָשיאַ קאָנטשוש.

די חברים פון באַראַק האָבן מיך אַרומגערינגלט, אַריינגעקוקט אין דער פאָטאָגראַפיע, אַ מיידעלע אין שטיוועלעך, דאָס פּנימל - בלייך, שמייכלדיק; איז דאָס אמת? יונגע מענטשן האָבן זיך געווישט די טרערן: אַ קינד, אַ יידיש קינד האָט זיך אָפּגעפונען, מיין קינד איז לעבן געבליבן.

ווי אַזוי האָט מיין לעבן־געבליבענע שוועגערין אויסגעפונען וועגן מיר? זי איז צופעליק געווען אין אָטוואָצקער יידישן קאָמיטעט מיט מיין טעכטערל און דאָרט געטראָפן אַ פריינד אין אַ זעלנערישן מונדיר וואָס איז מיט מיר געווען אין מאַגניטאָגאָרסקער שפּיטאָל, ער האָט געדענקט מיין אַדרעס און איבערגעגעבן די ידיעה, אַז כאָנטשע לעבט.

ס'איז געווען זומער־1945. ס'האָט זיך שוין אָנגעהויבן די צוגרייטונג צו דער רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן. אַ גרויסע צאָל יחידים זענען שוין אַוועק קיין פּוילן אָבער די גרויסע מאַסע בעזשענצעס צעשפּרייט איבער רוסלאַנד איז געבליבן אָן פּעסער, אָן פּאַפּירן, פאָטאָגראַפיעס, זיכערע סימנים אַז מיר זענען פון פּוילן. זיי האָבן געפאָדערט דאָקומענטן פון פאַר דער מלחמה, דאָקומענטן וואָס די ענקאַוועדע האָט ביי די פאַרשיקטע קאָנפיסקירט. ליזאַ האָט זיך באַמיט צו שיקן מיר נייע דאָקומענטן אָבער די דאַטעס פון 1945 האָבן נישט געהאָלפן. דורכן קלוב פון די פּוילישע פּאַטריאָטן האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן לעגאַלע פּאַפּירן. ס'האָט גענומען נאָך אַ האַלב יאָר צו פאַרלאָזן מאַגניטאָגאָרסק. מיר האָבן איצט אָנגעהויבן טראַכטן פון ווייטערדיקן גורל ווי יחידים געבליבענע פון פאַרטיליקטע משפחות. וואָס איצטער? ווהין ווייטער?

די גרויסע מערהייט האָט געהאַלטן, אַז יידיש לעבן אין פּוילן איז געענדיקט; אַז מיר וועלן מוזן זוכן אַ נייעם אָנהייב אין ישראל, אַמעריקע, אויסטראַליע, אפשר אויך פּאַריז, לאָנדאָן. אַ גאָר קליינע צאָל האָט עקשנותדיק געגלויבט אין אַ יידישער באַנייונג דרוקא

אין קאָמוניסטישן פּוילן. איך האָב געשוויגן. קודם וויל איך צוריק קומען צו די חורבות פון מיין היים. רוטקאַ און ליזאַ זענען די איינציק לעבן־געבליבענע פון אונדזערע גרויסע משפחות; מיין עלטערער ברודער מיט זיין פאַמיליע וווינט זינט 1939 אין ניו יאָרק. אפשר וועט זיך נאָך עמעץ אָפּגעפינען.

דערווייל זענען מיר נאָך אין מאַגניטאָגאָרסק. די שטימונג איז אַ נערוועזע, אַ סוף־מלחמהדיקע, מיט געפילן פון אַ ביסל פרייד און אַ סך טרויער און שרעק. מיר אַרבעטן ווי פריער געטריי אָבער מיט אומגעדולד. פון די אַליאירטע, פון אַמעריקע קומען טראַנספּאָרטן מיט פּראָדוקטן און מלבושים. ווי אַזוי האָבן מיר געוווּסט? ווען די בגדים זענען שוין פאַרקויפט געוואָרן אויפן שוואַרצן מאַרק. קאָרופּציע איז אַן אייביקע וועלט־קרענק. אַ באַזונדערע אָפּטיילונג איז געווען די אונראַ־הילף פאַר די פּוילישע פּליטים, וואָס מיט דעם האָט זיך פאַרנומען דער קלוב.

אויך דאָ זענען געווען די פּני (די עליטע) דאָקטוירים, אינזשעניערן, לערערס, די ניי־אַרויפגעאַרבעטע פון די בעל־מלאכות, געטרייע און באַגלויביקטע. זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ פאַרזאַמלונג אויסצווויילן אַ מאַגאַזינער וועמען מען זאָל אָנפאַרטרויען דאָס האָב און גוטס פון אונראַ. צוואַנציק פון קאָמיטעט האָבן געוויילט, צוואַנציק קאַנדידאַטן - יעדער פאַר זיך. חברה האָט זיך צעלאַכט... דאָס האָט מיר אַ חבר דערציילט און צוגעגעבן, אַז נאָך דעם קאָמישן עפּיזאָד האָבן אַלע געשטימט - פאַר דיר. מילא, קיין גרויסע אַרבעט איז עס נישט געווען, אָבער דאָס האָט מיר געהאָלפן זיך באַפרייען פון דער "קאָטשעלניע", פון פאַנקראַטאָוון, דעם נאַטשאַלניק פון זאַוואָד און פון די באַראַקן.

3

ס'דערנענטערט זיך דער סוף פון אונדזער זעקס יאָריקן גלות־רוסלאַנד. מיר ווייסן וואָס עס דערוואַרט אונדז אין אונדזער באַליבט טרויעריקן היימלאַנד; פּוילן אָן יידן. חרובע שטעט און שטעטלעך, און מיר, די גראַטעוועטע פּליטים, די נישט־געוווּנטשענע ווענדראָווניקעס; אָבער מיר גאַרן צו פאָרן צו אונדזערע נישטאָיקע היימען. מאַגניטאָגאָרסק איז די לעצטע נע ונד סטאַנציע. איך געדענק אַ פילם וועגן די ערשטע בויער פון דער שטאָט מיט מיכאָעלסן און אַן אַמעריקאַנער שוואַרצן,ביידע בויענדיק און זינגענדיק אַ יידישן ניגון. אין ברעזער וועלדל זענען נאָך געשטאַנען די באַקוועמע ווילעס פון אַמעריקאַנער אינזשעניערן, אַרכיטעקטן און אַלערליי ספּעציאַליסטן וואָס האָבן געהאָלפן בויען מאַגניטאָגאָרסק. יעצט האָבן שוין דאָ געוווינט סאָוועטישע מענטשן, נאַטשאַלניקעס, דירעקטאָרן, נ.ק.ג.ב. און דאָס אָפּרו־הויז פאַר אַרבעטער.

אויך דאָ, לעבן די אוראַלער מאַגניט־בערג האָבן מיר געלאָזט שפּורן פון געראַנגל, בענקשאַפט און שפּליטערס פון האָפענונג, די בערג זענען געווען נאַקעטע, צעביסענע פון עסקאַוואַטאָרן; דער הימל גרוי־פאַרכמאַרעט. די אוראַלער בערג אין וויזיע פון מיין זכרון דעמערן אין פאַרנאַכטיקן שפּיגל־טייך. "פייגל־געוויין פלאַטערט איבער שלאָף פון אויסגעדרינטע בוגטאַרן וואָס טאַנצן אַ טויטן־טאַנץ מיט צעשאָסענע צאַרן".

בערג דרעמלדיקע אין פאַלעטער שקיעה
שיכורע יעסענין־לידער וואַנדלען אין אוראַל
מיט בעזשענצעס פאַרוואָגלטע זינגט
אַ טרויעריק פאַרליבטער נאַכטיגאַל. (אוראַל־לידער)

און איצט איז געקומען דער טאָג פון געזעגענען. אין מיין לעצטן סך הכל איז מיר

קלאָר, אַז דער כח פון לעבן איז שטאַרקער פון מאַגניט, אויך דער שוואַכסטער רייסט זיך צו לעבן אין גרויליקן מלחמת הקיום. אָבער איך בין לעבן געבליבן ווייל כ'בין קיין מאָל נישט געווען אַליין. איך האָב געהאַט שטענדיק אומצייליקע פריינד: אויף די לונינצער לערער־קורסן, אין דער דאָרף־שולע, אויף אַלע וואָגל־וועגן, אין תפיסות, לאַגערן; אין קאָלכאָז באַקלאַנאָווקע און איצט אין מאַגניטאָגאָרסק.

*

אין טאָג פון אַרויספאָר, דער זעקסטער יאַנואַר 1946, איז די שטאָט געלעגן פאַרשאָטן אונטער שנייאיקע בערג, ס'האָבן געבושעוועט בוראַנעס און ס'איז געווען אַ שאַרפער פראָסט. אָבער צענדליקער פריינד זענען געקומען זיך געזעגענען. ס'איז געווען דער ערשטער עשלאָן פון די מאַגניטאָגאָרסקער רעפאַטריאַנטן. אין טשעלאַבינסק האָב איך געקויפט פאַר מיינע לעצטע זעקס הונדערט רובל אַ פּאָר שיכעלעך פאַר רוטקען.

פון צייט צו צייט האָט די באַן זיך אָפּגעשטעלט און מיר זענען אַראָפּ פון די וואַגאָנען זיך אויסגלייכן, דער טואַלעט איז געווען גאָטס שיינע וועלט... אונטערן פרייען הימל. די שטימונג איז געווען אַ געמישטע. אַ ביסל פרייד, דערוואַרטונג און שרעק. ס'האָט געטליעט אַ באַגער אָנצוהייבן ערגעץ־ווו פון דאָס ניי. אין קיעוו האָבן מיר דערלעבט צו זען וואַגאָנען אָנגעלאָדענע מיט דייטשע געפאַנגענע: זיי - קיין רוסלאַנד, מיר - קיין פּוילן.

מיר פאָרן שוין אַריבער די פּוילישע גרענעץ. אונדזערע הערצער ציטערן. געררייד, געמורמל, געזאַנג; מיר זענען אין פּוילן, ראָדעם, קעלץ און אַנדערע שטעט און שטעטלעך. די באַן שטעלט זיך אָפּ אין ווידזעוו־לאָדזש.

פּוילישע באַן־אַרבעטער דרייען זיך אומרואיק אַרום אויף דער סטאַנציע. וווהין גייט איר, יידן? אין לאָדזש איז נישט דערלויבט. די באַן פירט קיין שלעזיע! מיר ווייסן גוט וווהין אונדזערע באַנען פירן. מיר קענען אונדזערע וועגן:

"מיין וועג איז די נאַכט פון האָגלשטיין,
הינט־געביל וואָס שרעקט אונדזער געוויין,
שניידיקער ווינט וואָס שעלט
דעם שאָטן, וואָס זוכט נאָך ס'פענצטערל
פון אונדזער פאַרלוירענער וועלט".

נישט געקוקט אויף דעם שיינעם פּוילישן ברוך הבא, האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע פריינד, זיך אָפּגעריסן פון עשלאָן און בין אַוועק אין שטאָט צו דער קילינסקי־גאַס. איך האָב אַן אַדרעס.

מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים
בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

NATHAN STEINMAN

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049
Phone: (310) 820-2976 פאַרוואַלטונג "חשבון"

משה שקליאַר

## מיינע ווערטער אויף די צווייגן

אַ שפרונג טאָן אין פאַרויס
אין איין און צוואַנציקסטן אַריין
און פון דאָרט
מיט אָדלער־בליק
אַ קוק טאָן אויף צוריק
אויף וואַלד און פעלד און הויז
וואָס איז געווען מיר אייגן
און הערן אפשר אויך
דעם עכאָ פון אַ וואָרט
וואָס האָט מיין ליד געמיטן
און געבליבן ערגעץ הענגען
צווישן צווייגן נישט דערבליטע...

צי וועל איך זיי דערקענען
מיינע ווערטער אויף די צווייגן
מיינע ווערטער -
מיינע יאָרן
אינעם דאָרן
וואָס הערט נישט אויף צו ברענען?

## פאַרוואָס?

צוויי גליענדיקע קוילן
שוואַרצע אויגן
פאַרקוקטע אין דער וועלט
מיט ווייטיק און פאַרדראָס
מיט טענה און מיט פיין
באַגלייטן מיך
אויף אַלע וועגן
און כ׳הער אָן אויפהער
זייער פרעגן
פאַרוואָס פאַרוואָס
און כ׳הער ס׳געוויין
פון די שוואַרצע אויגן
פון די גליענדיקע קוילן
וואָס כ׳האָב געלאָזן
ביי אַ געטאָ־וואַנט
אין פוילן
און זיי ברענען מיינע טריט
און זיי ברענען
אין מיין
ליד

## איך בין די טרער...

איך בין דער שוואָם פון היראָשימאַ
און כ׳בין דאָס אַש פון וואַרשע־געטאָ,
עס הילכן אָפּ אין מיר די שטימען
פון מיליאָנען, און דער עכאָ
טראָגט אַוועק מיך אין די וייטן
צום צעטרייסלען אַלע צייטן.

כ׳בין אויסגעברענטע ערד וויעטנאַמער
און אין פאַנאַר איך בין פאַרשאָטן,
איך בין די טרער פון לאַגער־מאַמע
און איר קינד אויף שטעכלדראָטן.

איך בין ס׳געשריי דאָס נישט דערהערטע
און די מיט גוף פֿאַרברענטע ווערטער.

איך בין דער תל־אביבער טאַטע
וואָס באַוויינט זיין זון אין סיני,
און כ׳בין דער זון וואָס קאָן דעם טאַטנס
גרוב אין שלאַכטפעלד נישט געפינען,
און מיר בלאָנקען אום זיך ביידע
איינגעהילט אין קריעה־קליידער.

איך בין דאָס קינד פון סאַראַיעוואָ
מיט אויסגעשטאַרצטע פחד־אויגן,
פון אוישוויץ כ׳בין די שוואַרצע כמאַרע
וואָס דעם הימל האָט פֿאַרצויגן
און הענגט נאָך אַלץ אַריבער הייכן -
איבער וועלט - אַ קין־צייכן.

## דער לעצטער כוס

דער לעצטער כוס איז נאָך נישט אויסגעטרונקען,
דאָס לעצטע וואָרט איז נישט געגאַן פֿאַרפֿאַלן,
ערגעץ פינקלען נאָך די קלאַנגען - פונקען
אין די שפּליטערס פון צעבראָכענע באָקאַלן.

מיר שפּיגלען זיך אין זיי ווי אין די נעכטנס -
ברוין־און־בלויע צייכנס אויף נשמות,
וואָס פֿלאַטערן אינצווישן טעג און נעכט און
ווערן ווו פֿאַרזונקען אין די תהומען.

פּרווון מיר אויף ס׳ניי זיי צו דערהייבן,
פֿאַרקלעפּען מיט די ברענענדיקע פינגער,
נאָר זיי צעפֿאַלן ווידער זיך און ס׳בלייבן
עבאָס בלויז אין וואַכנעכט קלינגען, קלינגען...

אַזוי איז שוין באַשערט אונדז - שפּליטערס קלייבן
פון אַ דור וואָס איז פֿאַרלענדט געוואָרן,
און זיי וועלן געהייליקטע פֿאַרבלייבן
ביזן לעצטן כוס - אין פֿלאַטער פון זיכרון.

עקיבא פישבין / פּאַריז

# דער מאָלער יצחק אַנטשער

דער קינסטלער אַנטשער האָט אונדז פאַרלאָזט מיט אייניקע יאָרן צוריק, זיין ווונדערלעך ווערק לעבט אָבער - ס'טוט וואַנדערן איבער שטעט און לענדער (לעצטנס אין יאַפּאַן איינגעשלאָסן אין אַן אויסשטעלונג בייַנאַנד מיט די שאַפונגען פון מאָדיליאַני, סוטין א.א. - אַן אויסשטעלונג א.נ. "קינסטלער פון חדר זבאַראָווסקי". די ווערק פון אַנטשער ברענגען דער וועלט דעם פלאַטערדיקן גרוס פון פראַנצויזישן פייזאַזש, און בעיקר דעם שורשענדיקן זמר פוןביימער, וועמענס ניגון אַנטשער האָט אַזוי ליב געהאַט, אַזוי גרינטלעך באַנומען און פאַרטייטש מיטן איכות פון עשירותדיקע ניואַנסירטע פאַרבן.

לאָמיר'זשע אויפלעבן די איידעלע געשטאַלט פון אונדזער בעל־הקונסט, לאָמיר איבערגעבן עטלעכע זכרונות זיינע מיט וועלכע ער האָט זיך געטיילט אַ מאָל מיט מיר. מען דאַרף באַטאָנען, אַז אַנטשער איז געווען אַ מאַדים פון אַ זכרונות־דערציילער; און אַ שמועסער איז ער געווען - איינער אין דער וועלט.

הכלל, אָמר ר'יצחק אַנטשער: אין יענע אַלטע גוטע צייטן, מיט אַ היפּשע צענדליקער יאָרן צוריק, ווען די יידישע גאַס איז געווען דורכגענומען מיטן ראָמאַנטישן ציטער פון מסירת נפש פאַר אידעען, געריסן זיך צו באַנייען דאָס יידישע לעבן, דעמאָלט האָט זיך געיאַוויעט אַ ייד, אַ קינסטלער פון מזרח־איראָפּע, און זיך פאַרעקשנט: - אויך אין דער קונסט ביי יידן מוז אַריינקומען אַ באַנייאונג! מען מוז שאַפן - האָט ער געזאָגט - אַן אָריגינעלן יידישן סטיל אין דער קונסט.

דער אָ יידישער טרוימער בשם באָריס שאַץ האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין ירושלים און דאָרט, אין דער עיר הקודש דווקא געשאַפן אַ קונסט־שולע (אין יאָר 1906) אויפן נאָמען פון תנ"כישן קינסטלער בצלאל. שוין דער נאָמען אַליין האָט מרמז געווען וווהין שאַץ וויל לענקען זיינע תלמידים. לפי שאַץ, דאַרף אַן אָריגינעלער יידישער סטיל זיין באַווירקט פון דער תנ"כישער פאַבולע און טונקען אין אַן ארץ־ישראלדיקן קלימאַט.

...די ערשטע טריט זיינע בשטח חכמת־הקונסט האָט אַנטשער געשטעלט אין דער "בצלאל"־שולע אין ירושלים. זאָגן, אַז אים איז דאָרט געווען וווּיל ווי די וועלט, וואָלט געווען אַ קנאַפּער אמת. קודם כל - אין לאַנד פון האָניק און מילך האָט אַנטשער קיין האָניק נישט געלעקט... און אַ טראָפּן מילך אויף פרישטיק איז ביי אים געווען אַ יום־טוב... דער הונגער, לא עלינו, האָט זיך פאַרחברט מיט די בצלאל־שילער און דערגאַנגען די טעג מיט די וואָכן - שבתים און יום־טובים אַריינגערעכנט! גליקלעך איז מען געווען, אַז ס'האָט זיך געמאַכט אַ טאָג אַרבעט ביים בנין אָדער ערגעץ ווו אין אַ פּרדס. וואָס איז דאָ שייך - די נויט האָט די יונגע חברה תלמידים צוגעטוליעט צו זיך, ווי אַ גוטע איבערגעגעבענע מאַמע...

דער אמתער נס מן השמים איז פאַר די הונגעריקע "בצלאל"־תלמידים געווען דאָס שפּייזקרעמל - האַרט ביי דעם שול־בנין. אין דאָזיקן "סופּערמאַרקעט", וואָס איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן טיש, אויפגעשטעלט גאַנץ פרי בייטאָג און "איינגפּאַקט" שפּעטלעך בייַנאַכט, האָט מען געקריגן פון כולו גוטס; ס'הייסט געקריגן האָט מען דאָרט אַלץ וואָס אַ הונגעריקער בחור פון דער שולע האָט באַדאַרפט... ביי אַזאַ שטייגער, האָט



י. אנטשער

דער

אלטער

שטאָם

מען זיך שוין געלאָזט ווילגיין און געגעסן דאָרט... אויף באָרג.

דאָס דאָזיקע "געשעפט" האָט געפירט איינער אַ ייד, שוין אין די יאָרן – ר' אברהם האָט מען אים גערופן. ר' אברהם איז געווען אַ ייד, אַ הדרת פּנים. מיט זיין לאַנגער ווייסער באָרד, מיט זיין פּאַטריאַרכאַלן געשטעל, האָט ער די מראה געכאַפּט צוביסלעך פון אונדזער פאַרצייטיקן טאַטן – אברהם. דערביי האָט דער ייד אויך די מידות געהאַט פון אברהם אבינו – אַ גרויסער מכניס אורחים געווען און אַ בעל־רחמנות. און אויף מענטשן אַ מבין איז ער געווען – אַ זעלטענער! מיט אַן איינציקן בליק האָט ער שוין דערקענט ווער פון די בצלאל־תלמידים פאַלט אויפן פּנים פאַר אַ קריש ברויט. אַזאַ הונגעריקן פלעגט ער אָפּשטעלן אין דער פרי און אים אַ פרעג טאָן: – הער נאָר דו, כ'האָב אַן איינדרוק, אַז דו האָסט נאָך היינט נישט געהאַט אין מויל – ס'וואָר?! הער! – נאַדיר אַ האַלב ברויט מיט אַ ציבעלע; לען דיר אונטער ס'האַרץ; כ'וועל פאַרשרייבן אויפן בוך. נישקשה – וועסט שוין דעם חוב אָפּגעבן...

איין מאָל, דערציילט אַנטשער – כאַפּט אים אָן ר' אברהם ביי דער האַנט: – זאָג נאָר יצחק, וואָס איז מיט דיר געשען? עפּעס זעט מען דיך גאָרנישט! טעג שוין, ווי דו קומסט נישט אַריין צו נעמען אַ ביסן אין מויל. ביסט נישט חלילה שלאָף געווען? און אפשר

ביסטו גאָרנישט געווען אין ירושלים?

– ניין, ר' אברהם, געווען אין ירושלים – האָט דער יונגער אַנטשער גענומען זיך קרעקן מיט די רייד. איר פאַרשטייט – לא עליכם, בין איך די לעצטע טעג אויף גרויסע צרות; מיר מאַכט זיך נישט, איר זאָלט זאָגן, כאָטש איין טאָג אַרבעט. ביי אייך, ר' אברהם, איז דאָך מיין חוב געשוואָלן, ווי אַ באַרג...

– דו שוטה איינער – איז אויף אים אַרויף דער קרעמער – נו, איז וואָס; גייסט פראָווען תענתים? גלייב מיר, האָסט באַשלאָסן צו זיין אַן "אָרנטלעכער" מענטש... און פאַסטן... אַזאַ יונג, ווי דו מוז עסן, דו ווייסט אויסציען די קאַפּיטעס! הער יצחק, וואָס כ'וועל דיר זאָגן – אויף שאָקלאַד וועל איך דיר נישט באָרגן, זאָלסט זאָגן אַ פּיאַסטער. אָבער אויף ברויט, אויף אַ ציבעלע מיט אַ הערינג – יצחק, דאָס וועסטו ביי מיר שטענדיק קריגן אויף באָרג. ביסט דאָך אַ ייד, שוין פאַרלוירן בטחון? נישקשה, גאָט איז אַ טאַטע, אַז מיטן אייבערשטנס הילף וועסטו קריגן אַ פּאָר טעג אַרבעט, בין איך בטוח, וועסטו שוין קלענער מאַכן דעם חוב. נעם און עס – האָט אים ר'אברהם געשטופּט אין דער האַנט אַריין אַ ברויט מיט אַ הערינג – און זיי נישט אַזאַ חכם!...

– איר זעט – האָט צו מיר אַנטשער אַ זאָג געטאָן – אַזעלכע טייערע יידן האָבן געלעבט אין דער עיר הקדושה בזמן כ'האָב געלערנט אין "בצלאל"!

מילא, וואָלט נאָר די נויט ביים יונגן אַנטשער געווען די איינציקע צרה, וואָלט די בידע נישט געווען אַזוי גרויס. וואָס קאָן דאָ זיין – הונגערט מען אונטער אַ טאָג, אָדער צוויי... די מעשה איז וואָס תורת "בצלאל" האָט אים נישט באַפרידיקט.

די שולע, געפירט ביד חזקה, דורך באָריס שאַץ, האָט די שילער געפירט אויף דרכים פון אַ סקלעראָטיזירטן אַקאַדעמיזם. זי האָט די תלמידים אָפּגעריסן פון לעבן און צייט. למשל – מאָלן פון דער נאַטור איז דאָרט געווען אַ חטא... היינט ברענגען אַ מאָדעל אין דער שולע – אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן... וועגן דעם איז גאָר קיין רייד נישט געווען! ס'טייטש, ווי נעמט מען עפּעס אַ נאַקעטן מאַן, אָדער אַ פרוי אַ נאַקעטע, און מען זאָגט די יונגע חברה – מאָלט און צייכנט, תלמידים! אַזאַ עזות אין לאַנד פון תנ"ך! אין דער סאַמאַראָנדער ירושלים הקדושה?! דאָס איז דאָך נישט דערלאָזבאַר! שאַץ האָט געזאָגט – ניין און ניין! דער הימל זאָל קומען צו דער ערד – וועט ער דאָס נישט דערלאָזן!

אין "בצלאל" האָט אַנטשער געלערנט ביים פּראָפעסאָר ראַבאַן. ראַבאַן האָט געמאָלן שיינינקע בילדער ביבלישע געהילט אין ראָמאַנטישן שלייער; ער האָט אויך געמאָלן סצענעס פון יידישן משפחה־לעבן אין אַן אינטימיסטיש־סענטימענטאַלן אַקצענט. די חנעוודיקע שאַפונג פון ראַבאַן איז זיך צונויפגעפאַלן מיט די עסטעטישע באַגריפן פון שול־דירעקטאָר שאַץ.

אַנטשערן האָט געצויגן צו עפּעס אַנדערש; ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן די "בצלאל" שולע און זיך אַוועקלאָזן קיין פּאַריז. אין אַ שיינעם פרימאָרגן, ווען אַנטשער איז געקומען מודיע זיין דעם פּראָפעסאָר ראַבאַן, אַז ער פאָרט קיין פּאַריז, איז דער רבי געוואָרן מלא חמה, אויפגערודערט ממש ביזן מאַרך פון די ביינער – האָ! אַזאַ זאַך?! פאַרלאָזן ירושלים און פאָרן גאָר קיין פּאַריז? ראַבאַן איז אַרויס מיט אַ ירגזון: – הער, יצחק, וואָס כ'וועל דיר זאָגן; דו זעסט – האָט ראַבאַן געטייטלט מיטן פינגער אויף דער לינקער דלאָניע זיינער – דאָ וועלן מיר האָר אַרויסוואַקסן, אויב דו וועסט אַ מאָל ווערן אַ מאָלער!...

מאַכט זיך, אַז ווען אַנטשער האָט אין די זעכציקער יאָרן אויסגעשטעלט אין ישראל,

איז דער אַלטער ראַבאַן געקומען זען צי זיין נביאה איז מקיים געוואָרן... ווען ראַבאַן האָט אָנגעקוקט די אַנטשערישע בילדער איז אַ פייכטקייט באַפאַלן זיינע אויגן; מיט וואַרעמקייט האָט ער אַרומגענומען זיין אַמאָליקן תלמיד, אים געקושט און געהאַלדזט און מיט אַ ציטערדיקער שטימע ביי אים געבעטן פאַרגעסן זיין אַמאָליקן פּאָרויסזען...

- - - - -

פּאַריז, זאָגט די וועלט, איז די מעטראָפּאָליע פון ליכטער; זי האָט אָבער דאָך אַיין חסרון - דער פינקל פון גאָלד שלענגלט זיך נישט איבער די פּאַריזער גאַסן. ליכטיק אין די אויגן איז אין פּאַריז דעם, וואָס האָט די מאה... דאָס ערשטע, וואָס אַנטשער האָט אָפּגעפילט אין פּאַריז איז געווען - דער דלות. אויך דאָ איז אים געווען נישט לייכט אַ ביסן צו לייגן אין מויל אַריין. דערפאַר אָבער האָט ער מערנים־מלך פון קונסט געשלונגען וויפל זיין האַרץ האָט זיך געוווּנטשן. ער האָט דאָ צעקייט דעם עסטעטישן באַנעם פון אַ קאָראָ און קורבע. אַנטשערן, דעם אויסגעהאָרעוועטן ביים ראַנד פון וועלדער און פעלדער, האָט געזעט די קונסט פון די צוויי גרויסע פראַנצויזישע מייסטערס.

די דראָבנע אותיות פון תורת־קונסט האָט אַנטשער אין פּאַריז גענומען לערנען אין איינער פון די פּריוואַטע אַקאַדעמיעס וואָס אויפן מאָנפּאַרנאַס. דווקא דאָס מאָל איז ער שוין יאָ געווען צופרידן. ער האָט געקנעלט מיט אַ נישט געלאָשענעם דורשט. אים פלעגט נאָר אַ נאָגעניש בלויז אָנכאַפּן נאָך די היימישע וועלדער, נאָך זייער בלעטער־רויש, וואָס האָט אים, אַ פּיצלס, צום שלאָף איינגעוויגט; וואָס האָט באַגלייט זיין פריע יוגנט מיט זאַפטיקע ריחות און שורשנדיקע ניגונים. פאַרבענקט האָט זיך אים אין פּאַריז צו דער היים - צו היימישער נאַטור־סביבה.

נו, צו שטילן די דאָזיקע נאָגעניש האָט אַנטשער געהאַט אַ גוטע רפואה. ער האָט געכאַפּט זיין מאָלעריש רענצל, אַרויס פונעם פּאַריזער הו־הא, אַוועק ערגעץ אין אַ ווינקל פון לעבעדיק גרינס און זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט מאָלן. געמאָלן מיט התלהבות! אַזאַ טבע האָט ער שוין געהאַט, אַנטשער, פון זיינע יינגסטע קינסטלערישע יאָרן. ער האָט געמאָלן מיט ברען, עלעהיי אַ חסיד ביי שמונה עשרה! ער פלעגט אין זיין בילד אַריינאָטעמען אַ מין יידישן בטחון. און אַז געטראָפן האָט זיך ביי אים אַ מאָל, אין אַ מאָמענט, דווקא, ווען ער האָט מיט זיין האַרץ און זיינע חושים דערטאַפּט דעם מאַי קא משמא לן פון פּייזאַזש, שוין מיט נשמהדיקע פּעדים זיך מיט אים געהאַט באַהאָפטן, האָט זיך דער שטן אַריינגעמישט; אַ פאַרב־ניואַנס האָט זיך פאַרעקשנט, אַ ליכט־שיין האָט זיך גענומען פוילן, און זיין פּענדזל האָט עפּעס נישט געוואָלט פאָלגן אַנטשערס האַנט. דענצמאָל האָט זיך אַנטשער גוט צעוויכערט און "איינגעשטילט" די "ווידערשפּעניקע" עלעמענטן. און ווען דאָס בילד האָט מיט מזל באַקומען דעם טעם פון זיין רגישות - האָט זיך דעמאָלט זיין געמיט צעניגונט מיט אַ מיזמור־שיר, און ווי אַ יראה־שמים האָט דער צעליכטיקטער אַנטשער אָפּגעדאַנקט - געלויבט זאָלסטו זיין בורא עולם!

אויף די שטאַפּלען פון קינסטלערישן יכולת האָט אַנטשער געקלעטערט געדולדיק, אָבער זיכער. שוין אין יאָר 1926 איז ער אַרויסגעקומען מיט אַ בילד אויפן באַרימטן פּאַריזער "האַרבסט־סאַלאָן".

פאַר אַנטשערן איז אָבער געשטאַנען די האַרבע דאגה - וואָס טוט מען מיט פּרנסה? ווייל שבת צו מאַכן איז נאָך דערווייל פון די אַלע גליקן נישט געווען...

צו דער צייט איז מיט אונדזער מאָלער געשען אַ טשיקאַווע מעשה, וואָס וואַרפט אַ העל ליכט אויף די "גוט ברידערישע" באַציאונגען, וואָס האָבן געפּאַנעוועט, און פּאַנעווען ליידער, צווישן קינסטלער.

געווען אין יענע יאָרן אין פּאַריזער יידישלאַנד אַן עסקן בצרכי ציבור, באמת אַ טייערער, איבערגעגעבענער אמונהדיקער ייד, ד"ר יאַרבלום האָט ער געהייסן. ער איז געווען אַן איינפלוסרייכער מענטש; מיט זיינס אַ וואָרט האָט מען זיך גערעכנט אין די הויכע פענצטער - יידישע און אַפילו נישט־יידישע. היות ער האָט דערשפּירט אין אַנטשערן אַ שטאַרק קרעאַטיוון כוח, האָט ער געזוכט אים צו טאָן אַ טובה; ער האָט ברעה געהאַט צו באַקומען ביי די ראָטשילדס אַ חודשלעכע אונטערשטיצונג פּאַרן קינסטלער און זאָל ער רואיק אַרבעטן אָן דאגות פרנסה. דערצו איז אָבער נייטיק געווען אַ רעקאָמענדאַציע פון קינסטלער ש.; ער איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אין די פּערדרן און פון זיין שחיטה האָט מען געמעגט עסן... וואָס אַן אמת, אַ שם פון אַ גרויסן בעל־הטובה האָט דער ראַזיקער קינסטלער נישט געהאַט.

נו, מילא, וואָס איז אים, אַנטשערן, דאָ געשטאַנען צו פאַרלירן? דעם דלות זיינעם? האָט ער גענומען אונטערן אָרעם עטלעכע לייוונטן און זיך אַוועקגעלאָזט פּרווון מזל ביים קינסטלער ש.

אויפגענומען האָט אים ש. ביז גאָר פריינדלעך, אַפילו אַ חברישן שמייכל אַרויפגעצויגן אויפן פּנים. ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט די אַנטשערישע בילדער - אַפילו זיך פאָסמאַקעוועט און אים געזאָגט, אַז ער איז אים בכוח אָנצווייזן עטלעכע אַדרעסן ווו צו פאַרקויפן אַ בילד. געהערט אַזעלכע רייד פון קינסטלער ש. איז דער יונגער אַנטשער געוואָרן דרייסטער און אַרויס מיט לשון - ס'הייסט, אַ קונה אויף אַ בילד וואָלט אים שטאַרק צונוץ געקומען, איצטער אָבער דאַרף ער פון אים בלויז אַ רעקאָמענדאַציע - דאָס וועט אים דערהאַלטן ביים לעבן...

דערהערט האָט דער קינסטלער ש. וועגן אַ רעקאָמענדאַציע וואָס יאַרבלום וועט אַוועקטראָגן ערגעץ אין די הויכע פענצטער, האָט זיך דאָס ביסל וואַרעמקייט פון אים אָפּגעטאָן. און די שמחה איז אויסגערונען, ווי דער וויין פון אַ געשפּאָלטענער כלי... הקיצור, אַנטשער איז פון דאָרט אַוועק מיט גאָרנישט.

אָבער, נישקשה, גאָט איז אַ טאַטע! אַ קורצע צייט נאָך דער נישט געלונגענער אינטערווענץ ביים קינסטלער ש. - טאַקע גלייך אין יאָר 1928 - האָט ער באַקענט דעם קונסט־סוחר זבאָראָווסקי, אַן אויסגעקלונגענער נאָמען אויפן מאָנפּאַרנאַס, ער האָט מפורסם געמאַכט מאָדיליאַני, סוטין, א.א. און דווקא פון זבאָראָווסקין איז אַנטשער נישט אַוועק מיט ליידיקע הענט. דער קונס־סוחר האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט זיינע וואַלד־פּייזאַזשן און מיט אים אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט!

מען דאַרף זאָגן - די אימפּעריע פון בעלי־יצירה איז אַ מאָדנע וועלט! אַ וועלט, אַ נישט פריינדלעכע, ווו איינער רעדט אויס אויפן צווייטן. אָט, נעמט, למשל חיים סוטין - אַ האָגל פאַרסמטע רייד האָט מען געלאָזט פאַלן אויף זיין קאָפּ בעולם המאָנפּאַרנאַס, דהיינו - ער איז נישט קיין מאָלער... ער איז אַ פּאַטשקאַזש, ער קאָן נישט! גוטע "פריינד" האָבן נביאות געזאָגט, אַז וויטער פון מאָנפּאַרנאַס וועט חיים סוטינס שם נישט גרייכן... מאַכט זיך, אַז דער שם פון סוטין איז יאָ אַריבער די גרענעצן פון בולוואַר מאָנפּאַרנאַס און זיך גאַנץ שיין איבערגעטראָגן אין דער אייביקייט!

ס'איז כדאי צו באַמערקן, לאַנגע יאָרן בין איך געווען מיט אַנטשערן באַקאַנט. קיין

## צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים (ישראל)

### דו*

אַ בלויקייט איז דיר אַנטקעגנגעקומען,
ביי די הענט גענומען
און געפירט צו מיר.

פון ערגעץ־ווו האָט אַ וויאָלאָ
אירע טענער אין דיינע האָר פאַרפלאָכטן
און באַגלייט דיך
אין מיין חלום.

די וויאָלאָ שפילט נאָך אַלץ,
נאָר דו ביסט עפּעס אַזוי דורכזיכטיק
געוואָרן,
דורכזיכטיק און לייכט -
און כ׳ווייס ניט
ווער וועמען האָט איינגעזאַפּט,
דו - אין חלום
צי - חלום אין דיר.

### סדום

לאָזט אייער שאָטן ניט זעצן זיך רוען,
זאָל ער אייך פּוסטריט באַגלייטן,
פאַרצוקן וועלן אים שטויביקע ווייטן.

דרייט אָן בלעכערנע פייגל
און לאָזט זיי אַרומשפּרינגען אויף צווייגן
וואָס זענען דאָ קיין מאָל ניט געווען.

בערגלעך זאָלן הויקערן אָפּ די טעג
אין גרויער אַליינקייט,
נאָר אין לבנהדיקע נעכט גלאַנצן זיי
פאָספאָריק
מיט טויזנטער אויגן.

לאָזט אייער שאָטן ניט זעצן זיך רוען!

---

מאָל איז פון זיין מויל נישט אַרויס אַ בייזוויליק וואָרט אויף אַ קינסטלער; און צו דערציילן האָט דער ייד געהאַט אַ וועלט. אַנטשער איז געווען אַ ליבלעכער, איידעלער מענטש. אַ טבע האָט ער געהאַט צו גיין זיין אייגענעם וועג און פיינט געהאַט צו באַנוצן עלנבויגנס. ווייט פון מאָדערנעם ליאַרעם, האָט זיך זיין קינסטלערישער סטיל אויסגעפורעמט אין אַ קלאַנג פון בטחון. זיין יצירה רעדט צום מענטשנס האַרץ, ווייל ער האָט דעם מענטש ליב געהאַט בתכלית אהבה. ער איז אַ חסיד געווען פון לייוויקס מזמור:

איך ווייס אין יעדנס האַרץ איז דאָ
אַ ליכטיקייט, אַ שיין!
אויף וועלכער שוועל דו זאָלסט נישט שטיין -
קלאַפּ אָן און גיי אַריין.

אַנטשער האָט געגלייבט אין דער ליכטיקייט פון מענטשנס האַרץ! איז לאָמיר׳זשע נישט פאַרגעסן, און מזכיר זיין דעם וואַרעמען ייד און גרויסן קינסטלער - יצחק אנטשר ע״ה.

---

** די אויבן געבראַכטע צוויי לידער פון דיכטער צבי אייזנמאַן פון ישראל זענען געווען געדרוקט אין פאָריקן נומער (124) ״חשבון״. היות איניקע שורות ״האָבן זיך איבערגערוקט״, דרוקן מיר די לידער נאָך אַ מאָל. מיר בעטן אַנטשולדיקונג ביים חשובן מחבר און די לייענער פאַר די דרוק־פעלערן.*

*רעדאַקציע*

גרוניא קאַהן / מאָנטרעאָל

## קלינגט ניט טרויעריק אַזוי

קלינגט ניט טרויעריק אַזוי, איר גלאָקן,
איך וויל ניט טראַכטן וועגן טויט,
עס איז מיין צייט נאָך ניט געקומען,
און כאָטש מיט יעדן טאָג דער טראָט ווערט שוואַכער,
דאָך ווילט זיך לעבן, דאָס לעבן לאָקט.
פון שפּיגל קוקט אויף דיר אַ פּנים אַ פאַרשעמטער:
פע, ס'פּאַסט ניט, נעם זיך אין די הענט!
אַזוי־פיל שטעגעלעך אַדורך, אַזוי פיל שווערע וועגן,
פון פלאַם און פייער לעבעדיק אַרויס
און אויפגעבויט אַ היים אויף ווייטע ברעגן.

האָסט ניט דערשריבן נאָך דאָס לעצטע בלעטל...

קלינגט ניט טרויעריק אַזוי, איר גלאָקן,
איך וויל ניט טראַכטן וועגן טויט,
עס איז מיין צייט נאָך ניט געקומען
און אויב ס'וועט קומען, בין איך גרייט.

קלינגט ניט, גלאָקן! שרעקט ניט גלאָקן!
איך האָב קיין מורא פאַרן טויט...

---

לייב באָראָוויק / ניו־יאָרק

## דיין ניט־דערהערט געוויין

איך זיך נאָך אַלץ און זוך
אויף וועגן און אויף שטעגן
אַ שפּור, מיין איינציקע,
פון דיין צעאַשט געביין.
וואָר, האָסט אַ לויטערע
דיין קרבן־סוף באַגעגנט.
נאַכט־אויס, נאַכט־איין כ'פאַרנעם
דיין ניט־דערהערט געוויין.

ווי ס'בענקט נאָך דיר מיין זעל
ווייסט גאָט, דער גוטער היטער.
זינט ביסט פאַרגאַן ז'די וועלט
ווילד־פרעמד אַזוי און גרוי.
אַן עדות איז דער שיר:
ביז ס'קומט נאָך מיר דער שניטער
ניט פעלשן כ'וועל אין דיר,
מיין צאַרטע, שטילע טויב...

# זייט איר שוין אַ מיטגליד אין
# אַרבעטער רינג?

דאָס איז די עלטסטע יידישע פראַטערנאַלע און סאָציאַל־פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע.

דער אַרבעטער רינג גיט זיינע מיטגלידער אַ מעגלעכקייט צו זיין אַקטיוו אויפן געביט פון אָנהאַלטן און אַנטוויקלען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אוצרות פון אונזער פאָלק צו אָרגאַניזירן אין די ראַמען פון די ברענטשעס פראַטערנאַליזם און קעגנזייטיקע הילף.

פאַר גענויערע אינפאָרמאַציע שרייבט צו:

**THE WORKMEN'S CIRCLE**

Los Angeles, Calif. 90035 • 1525 S. Robertson Blvd.

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט

---

# א הסתדרות אניואיטי טראסט־קאנטראקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פאַראינטערעסירט

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט פונדאַציע.

אברהם פרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

811 Wilshire Blvd., Suite 1700 • Los Angeles, Calif. 90017
Telephone: (213) 683-8036

י. פינער / פּאַריז

# „מאַמע!"
## (דערציילונג)

„מיין טייער קינד, וויסן זאָלסטו, אַז דער גורל פון אַ מענטש איז ווי אַ פאַרפלאָנטערטע קנויל פון רינגע פעדים, און וואָס מער מען וויל זיך באַפרייען פונעם פלאָנטער, געשעט אָפט, אַז מען פאַרפלאָנטערט זיך נאָך מער"...

אָט אַזוי פלעגט מיין טאַטע, דער לערנער, דער שיינער ייד מיט דער לאַנגער, ווייס־גרויער באָרד, קלוגע, בלויע אויגן פון אונטער די געדיכטע באַוואַקסענע ברעמען, ליב האָבן צו רעדן און דערציילן, ווי אַזוי דער בעל שם־טוב האָט געפילט ג אָ ט אין יעדן גרעזל אויפן פעלד, אין שמייכל פון יעדן קינד. רעדן פלעגט ער צו מיר די רייד, וואָס כ'רעד היינט צו דיר, מיין טייער קינד:

– אוודאי האָסטו שוין פאַרזוכט דעם ביטערן טראָפּן, וואָס דער גורל האָט אונדז צוגעטיילט, כ'מיין, אונדז, יידן...

אוודאי ווייס איך, אַז דו קוקסט אויף מיר מיט דיינע בלויע אויגן און וווּנדערסט זיך אויף מיינע מאָדנע רייד, מיין טייערער יאָהאַן. מיר זענען שוין שוער־געפּרוווטע פליטים. נאָך גוט, וואָס פראַנקרייך האָט אונדז פריי אַריינגעלאָזן אין לאַנד, דאָ צו לעבן.

דער קליינער יאָהאַן איז געזעסן אויפן בעטל, פאַרקוקט אין דער שויב. פאַרזאָרגט, מיט בענקשאַפט, האָט ער געזען די קינדער, וואָס שפּילן זיך אויף יענער זייט פענצטער, אין דרויסן. די מאַמע איז געזעסן און גענייט אויף דער האַנט־מאַשין, אַלע ווײַלע זיך פאַרהאַלטן אַ שמועס צו טון מיט איר יינגעלע. ער איז געלעגן מיט פיבער אין בעט.

ווען וואָס האָט זי זיך אַזוי פאַרטראַכט, די מוטער. זי האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די שטורעם־און דראַנג־יאָרן, אַ מאָל און היינט. ס'האָט זיך דער מוטער פעליסיא געדוכט, אַז אַלץ איז אַ קינדער־שפּיל, סיי דאָס געווין, סיי דאָס געלעכטער, מישן זיך צונויף, פילן אָן אונדזער צעטומלטע וועלט מיט אַזעלכע באַגירפן, וואָס זי קען זיי נישט באַנעמען. ווי אַזוי זאָל זי נאָך רעדן מיט איר צען־יאָריקן זון, וואָס טראָגט שוין אויף זיך די פּלאָג פון אַ פּליכטלינג. זי איז אַן אָרעמע, די מאַמע, אָבער זי וויל נישט אָנקומען צו קיינעמס הילף.

און זי דערמאָנט זיך אין איר הייליקן טאַטן פון גאַליציע, דעם צדיק, וועלכער האָט אויסגעטראָגן מיט ליבשאַפט, מיט געדולד, אַלע יסורים אויף דער אייגענער הויט.

די נשמה גאַרט צו דערהויבנקייט, צו מענטשלעכער גוטסקייט, פאַר יעדן, און פאַר איר אייגן קינד. אַזוי זינגענדיק, קען זי הונגערן טעג־לאַנג.

ווען איז עס געווען, ווען די מוטער פעליסיא זינגענבוים האָט געשפּינט די טרוימען, אין דער האָפענונג, אַז איר יאָהאַן וועט גרויס ווערן, וועט זיין אַ מענטש און אַ ייד? זי וועט נישט אויסבאַהאַלטן פאַר אים זיין אָפּשטאַם. פאַרקערט, זי וויל ער זאָל לערנען די ביבל, יידישע געשיכטע, זאָל וויסן ווער ס'איז געווען זיין זיידע, רב שלמהלע פון קראָקע; זאָל ער וויסן, אַז זיין טאַטע איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלער־באַנדעס אין ווין.

אין אַ שטעטל, נישט ווייט פון פּאַריז, האָט זי געוווינט מיט איר קינד, אים געהאָדעוועט, אָפּגעהיט פון אַלדאָס בייז.

...אין יענעם טאָג, ווען פּעליסיאַ איז אַוועק אין שטאָט אָפּטראָגן די אויסגעפּאַרטיקטע קליידער, אָפּצונעמען איר באַשיידענעם לוין, אין יענעם טאָג איז עס געשען.

שעל איז אַ פּאָרשטאָט, נישט ווייט פון פּאַריז, אָבער ווייט פון אייפל־טורעם, פון ברייטן, שיינעם פּלאַס קאָנקאָרד. אין שעל האָבן געוווינט קליינע גרופּן משפחות, אַנטרונענע נאָך היטלערס אַריינמאַרשירן קיין עסטרייך, ווען די ס.ס.־באַנדעס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין ווין.

יאָהאַן איז יונג, בלאָנד, מיט בלויע, זוניקע אויגן. ער האָט פלינקע פיס, און ער שפּאַנט מיטן שאָסיי פון שעל קיין פּאַריז. ער איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון פּאַריז, פּאַרבליפט אַריינגעקוקט אין די שויפענצטער פון די מאַגאַזינען, נאָכגעקוקט מענטשן, וואָס שפּאַצירן אויף די בולוואַרן. ער איז נאָך גאָר אַ קינד, אַ יידיש קינד, אַ נע ונדניק, אַ געפּלאָגטער, אַ גערופּטער, אַ יתום.

ס'איז נאָר אַ ווונדער, הלמאי די פּאַרבייגייער שטעלן זיך נישט אָפּ, הלמאי זיי נעמען אים נישט אָן פאַר אַ הענטל.

אָבער יאָהאַן שפּרייזט איבער די פּאַריזער גאַסן און קיינער באַמערקט אים נישט, קיינער זעט אים נישט. זיינע טריט זענען נישט קיין זיכערע, נישט ווי ביי אַנדערע יינגלעך אין זיין עלטער: אַ טראָט, וואָס פירט אויף שטיינערנע וועגן, פול מיט שטרויכלונגען, סכנות, וועגן, וואָס פּאַרפירן, אַ גאַנץ לעבן וועסטו פון זיי נישט אַרויס.

ווען דער הונגער נאָגט זיינע געדערים, פּאַרלאַנגזאַמט ער די טריט. אַ וויטרינע מיט שיינע שפּילצייג פּאַרהאַלט אים. שטעלט ער זיך אָפּ, קוקט. נאָר ער מוז זיך אונטערגעבן, נעמט לויפן גיך, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפן פון הונגער; ווי דאָס נאַגנדיקע חיהלע אין זיינע געדערים וואָלט זיך געפונען אויסער אים, נישט אינעווייניק, אין יעדן גליד באַזונדער, אַפילו אין די האָר־וואָרצלען, אונטער די נעגל פון די פינגער, אין די פּיאַטעס. ער לויפט, לויפט, ביז ער ווערט מיד.

אפשר זאָל ער זיך גאָר אָפּשטעלן ביי דער וויטרינע פון איינער פון די בעקערייען? עס קאָן אַ מאָל פּאַסירן, אַז די שויב זאָל זיך צעברעכן און אַלע גוטע זאַכן, וואָס ליגן דאָרט, זאָלן נעמען פליען גלייך צו אים... אין מויל אַריין... מעגלעך אויך - עמיץ זאָל אים באַמערקן, עמיץ זאָל דערזען, ווי ער שטייט ביי דער וויטרינע און שלינגט דאָס שפּייעכץ פון מויל?

- ווילסט עסן, יינגעלע?... - וועט אים עמיץ אַ פרעג טאָן.

- אַוודאי! פּאַרוואָס נישט? - וועט ער ענטפערן.

יאָהאַן קוקט אין אַלע זייטן. קיינער גייט נישט צו אים צו, קיינער באַמערקט נישט זיין צעטראָגענעם בליק; זאָל ער אפשר אַריינגיין אין דער בעקעריי און זאָגן דער פּאַרקויפערין, אַז - זי האָט זייער געשמאַקע זאַכן? אָבער זי ווייסט עס אַליין אויך. זי וועט אים געוויס נישט פּאַרשטיין. די פּאַרקויפערינס פּאַרשטייען זיך נאָר, אַז מען באַצאָלט זיי; און קיין געלט האָט נישט יאָהאַן.

אָבער ער וויינט נישט. ער איז קליין, נאָר - אַ דערוואַקסענער. ער איז אַ פּליט; פּליטים־קינדער זענען דערוואַקסענע. יידישע פּליטים קינדער ווערן יונג - אַלט.

גאַסן, געסלעך, פּלעצער, רוישיקע בולוואַרן, און דאָס יינגל בלאָנזשעט אַרום. אַן אויטאָ קען אים איבערפאָרן, מ'קען צעטראָטן ווערן. אַ שויב קאָן טאַקע אויסגעבראָכן ווערן, אָבער אָנשטאָט טאָרט, לעקער, באַבקע, קענען שערבלעך פליען אין מויל אַריין...

דאָס יינגל האָט אַ סך אַריינגעטראַכט, אָבער פּאַרשטאַנען האָט ער נאָך נישט. ער

האָט נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס ער דאַרף זיין הונגעריק, אין דער צייט ווען אַלע שוי־פֿענצטער זענען באַלייגט מיט אַזעלכע געשמאַקע זאַכן. און פּלוצים האָט אים אַרומגעכאַפּט די בענקשאַפֿט, די שרעק – ווו איז די מאַמע? און ער האָט זיך דערפֿילט פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער גרויסער פֿרעמדער שטאָט, צווישן אַזוי פֿיל מענטשן, און ער קען דער מאַמען נישט געפֿינען...

ביז מ'האָט דאָס ייִנגל געפֿונען אַ פֿאַרחלשטן, ליגן אויפֿן טראָטואַר.

ווען איז עס אַלץ געווען? דאָס האָט ער שוין דערנאָך מער נישט געדענקט. ער איז ליגן געבליבן אין ווייסטע קאָשמאַרן. אַלץ האָט זיך געפּלאָנטערט אין זיין קינדערישן מוח... ער זעט זיך שטיין אין אַ ווינקעלע, אַ קלענער געוואָרענער, באַמיט זיך צו פֿאַרקריכן אין זיך גופֿא, גלאַנצט מיט די שוואַרצע, גרויסע, דערשראָקענער אויגן. ער איז באַשטראָפֿט אין זיין קלאַס. ער געפֿינט זיך צוריק אין ווין. דאָרט איז ער דאָך געבוירן געוואָרן. דאָרט איז געשטאַנען אַ מאָל זיין וויג. דאָס וויגעלע הוידעט זיך, אַ ליידיקס, הענגט אין אַ באָמבאַרדירט הויז, אַ חורבה, און דער ווינט זינגט אים אַ וויג־ליד...

ער איז אַ ייִד, דאָס הייסט – אַ טייוול, ווי דער שול־לערער האָט עס דערקלערט פֿאַרן גאַנצן קלאַס – הערנער האָט ער, ער הינקט אונטער, שאָקלט מיטן קאָזע־בערדל. די גוטע שול־חברים שפּייען אויף אים, זידלען אים, שלאָגן אים מיט די פֿויסטן, שרייען:

– מיאוסער טייוול!...

– פֿאַרוואָס?... מיר זענען דאָך חברים...

– ביסט אַ שמוציקער ייִד...

– זע, כ'טראָג אַ ריין העמדל... כ'האָב זיך געוואַשן...

– ביסט אַ שמוציקער ייִד... דער "פֿירער" האָט עס געזאָגט אין זיין רעדע... כ'האָב עס אַליין געהערט דורכן ראַדיאָ...

– טאָ וואָס בין איך שולדיק?

– ביסט אַ בלוט־זויגער... אַ ראַסן־שענדער...

– איך בין אַ גוטער שילער, כ'האָב אייך אַלעמען ליב, טייל זיך מיט אַלץ, וואָס כ'האָב.

– אַרויס! דו שמוציקער ייִד!...

אַלע ייִנגלעך פֿון קלאַס האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אים, געטראָטן אים מיט די פֿיס. דער לערער איז געשטאַנען דערביי אויף דער קליינער עסטראַדע און געלאַכט...

דאָ האָט זיך יאָהאַן אויפֿגעכאַפּט פֿון ווייסטן קאָשמאַר, זיך אַרומגעקוקט מיט שרעק. – ווו געפֿינט ער זיך? איז עס אַלץ געווען נישט מער ווי חלום?

ער האָט אָבער זיין חלום קיינעם נישט געוואָלט דערציילן, אַפֿילו נישט דער מוטער. ער האָט געפֿילט, אַז אַלץ טוט אים וויי. די מוטער איז געשטאַנען לעבן זיין בעט און געזען ווי ער פֿיבערט. טריב און טרויעריק האָט דער פֿרימאָרגן אַריינגעקוקט דורך דער שויב. אַ בענקענדיקער אומעט, גרויע שאָטנס לענגאויס די ווענט.

דאָס האַרץ פֿון דער מאַמען איז שווער געווען. זי האָט זיך דערמאָנט די ווערטער פֿון איר פֿאָטער: "ווען מענטשן וואָלטן נישט געקענט וויינען, וואָלט דער טרוקענער צער זיי אויסגעברענט די אויגן"...

טאַקע, ווי אַזוי מעסטן די טיפֿקייט פֿון דער מענטלשעכער נשמה? זי האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן קינד, ווי ער ליגט, בלייך, מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן. גאָט מיינער – האָט זי אַ טראַכט געטאָן – ווי אומבאַהאָלפֿן קינדער זענען. זיי זעען אויס ווי צעבליטע

# מאיר חרצס לעצטע צוויי לידער־זאַמלונגען

"אַ נ פּ אַ ס, א י ן פּ ר אָ פּ י ל א ו ן ה י נ ט ע ר ד י פּ ל י י צ ע ס" איז דער טיטל פון מאיר חרצס לידער־זאַמלונג, וואָס איז דערשינען אין פאַרלאַג י.ל. פּרץ, ישראל, תשנ"ד, 1993. דער דיכטער האָט שוין ניט באַוויזן צו זען דאָס פאַרטיקע בוך. "אין די לעצטע פאַזעס האָט פאַרן אויספאַרטיקן דאָס בוך געזאָרגט מיט גרויס פּיעטעט די אַלמנה פון דיכטער, טובה חרץ". זי האָט פאַרצייכנט אָנהייב בוך ווי "ער האָט נאָכגעפאָלגט דאָס אויסזעצן דעם מאַטעריאַל און שפּעטער, ווען ער האָט זיך שוין געפונען אין שפּיטאָל, האָט ער נאָך געוואַכט איבער דעם גאַנג פון דער אַרבעט. ער האָט נאָך באַוויזן אַרייַנצוגעבן 5 נייע לידער און זיי איינגלידערן אין אויסגעשטעלטן טעקסט".

ווייל איך ביי דער געלעגנהייט זאָגן, אַז ער איז געבענטש געוואָרן צו האָבן אַ פרוי, וואָס האָט נאָך זיין פּטירה אַזוי זאָרגפעליק באַגלייט זיין ווערק ביזן דערשיינען. ווי האָבן באַנוצט אונדזערע חז"ל "לאַו כל אדם זוכה" - אויב ניט ביי אַזעלכע פאַלן?... איבערגעגעבנקייט, ליבשאַפט און פּיעטעט וואַלגערן זיך ניט אַרום אויפן גאַס...

דער טיטל פון אַנדערן בוך איז: "נאָכן סך־הכל / פּיר / אַ ביסל פּראָזע / עטלעכע סענטענצן / אויף מיין חשבון". דאָס בוך איז גאָר דערשינען אין פאַרלאַג "אייגנס" ירושלים. מיר קענען דעם מין פאַרלאַג און כ'גיב דאָ פון שער־בלאַט דעם צושריפט פון חרצס אַלמנה. אונטערן קעפּל "דער סאַמע לעצטער סל־הכל" שרייבט זי:

"דעם גאַנצן מאַטעריאַל, וואָס גייט אַריין אינעם איצטיקן באַנד, האָט מיין מאַן ז"ל איבערגעגעבן אין דרוקעריי צוויי חדשים פאַר זיין פּטירה. דעם 30טן יוני 1993 - י"א

---

בלומען, און זייער צויבער, זייער שיינקייט, און דאָך - אַזעלכע שוואַכינקע, האַלב־פאַרוועלקטע, אונטער דער גאָלדענער זון, אין זייער אומבאַהאָלפנקייט.

ס'איז איר שווער געווען אַלץ אויסצודריקן, געפילט און פארשטאַנען האָט זי עס מיטן האַרץ. ס'איז געווען אַ צעשפּאָלטנקייט אין איר. סתירות פון ליבע, אייפערזוכט, טויט, לעבן. אַ צווייפל - צי איז דאָס לעבן גופא נישט קיין אַבסורד? אָבער באַלד האָט זיך געשטאַרקט איר ווילן - איר ליב קינד מוז געזונט ווערן, דאַרף וואַקסן, זיין אַ מענטש און אַ גוטער ייד.

די אָרעמע פרוי פעליסאַ האָט אָנגעבונדן אַלע פעדים פון איר לעבן אינעם וועזן פון איר קינד. ס'איז אָבער שווער געווען צו באַנעמען דעם שטורעם, די אויפטרייסלענדיקע געשעענישן. וואָס עס איז געווען - איז מער נישטאָ. אירע אייגענע איבערלעבונגען האָבן איר אויסגעזען ווי לעגענדע, וויזיע. זי אַליין איז אַ געפאַנגענע, אומבאַהאָלפן.

און אפשר איז זי אויך קראַנק, פיבערט צוזאַמען מיט איר קינד? דאָס וויכטיקסטע - די גרויסע ליבע צו איר קינד מוז אים אָפּראַטעווען, ער זאָל לעבן.

צווישן טאָג און נאַכט איז די מאַמע פון מידקייט, פון צרות, יינגעשלאָפן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין דער מאַשין. שווער געווען צו אונטערשיידן, וואָס איז חלום, קאָשמאַר און וואָס - איז ווירקלעכקייט.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי דערהערט דאָס גליקלעכע וואָרט פון איר קינד:

- מאַמע! מאַמע!

תמוז תשנ"ג. דער גורל האָט ניט דערלאָזט, ער זאָל קענען האַלטן אין די הענט דאָס פאַרטיקע בוך, און עס גייט שוין אַרויס נאָך זיין טויט. ער האָט געהאַט אַ פּאַרגעפיל, אַז זיינע טעג זענען געציילטע. אַ קורצע צייט איידער ער איז אַריין אין שפּיטאָל, פון וואַנען ער איז שוין ניט צוריקגעקומען, האָט ער מיר געזאָגט: "כ'האָב אָנגעשריבן מיין לעצטע ליד". אָט איז זי: ג אָ ט, מ י י ן ג אָ ט. / איך וויל חלילה, דיך נישט בעטן, זאָלסט מיך גלעטן, / דו האָסט עס קיין מאָל נישט געטאָן צו קיין פּאָעטן, / איך וויל פון דיר נאָר איינס, אַ קורצע תשובה, איינע, / וויל הערן פון דיין אייגן מויל ה נ נ י. / און איך וועל דיך לויטן קול דערקענען, / וואָס איך קען עס פון מיין מאַמעס צאינה וראינה, / בשעת זי האָט געלייענט דיינע געבאָטן און פאַרבאָטן. / נאָך דעם האָבן דיינע שליחים, דיינע דייטשן / אומגעבראַכט מיין מאַמען צוזאַמען מיט עברי־טייטשן / און די קינדער מיינע קענען נישט איר לשון / און איך אַליין גיי דיך באַלד פאַרלאָזן.

אגב, באַמערקט זי, אַז מאיר ליטעראַרישע צוואה איז אויסגעקריצט אויף זיין מצבה:

ווי לאַנג די מענטשן וועלן נאָך מיט ווערטער לעבן
וועט אויך מיין וואָרט אַרומגיין צווישן זיי...

איך קען זייער גוט די שטימונגען פון יידישע שרייבער. זיי זענען מיר אייגן, נאָענט. דאָך, באַמיען מיר זיך מיט אַלע אָנשטרענגונגען ניט אַראָפּצולאָזן די הענט און ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט.

אַ גרויסער יידישער פּאָעט, וואָס האָט אָקערשט פאַרלאָזט אונדז, האָט איינע פון זיינע לידער־זאַמלונגען באַטיטלט "וואונדיקער בטחון"... אין האַרצן טאַקע וואונדיק, אָבער באַנדאַזשירט מיט בטחון. דאָס באַגלייט ביים שרייבטישל יעדן איינעם וואָס גיט זיך ניט אונטער שטימונגען ביים שאַפן, מחמת עס באַגלייט אים אַ רעפרען פון לייוויקס באַוווסטער פּאָעמע ("אייביק") - "איך הייב זיך אויף ווידער און שפּאַן אַוועק ווייטער"...

דערמאָנט פריער דעם פּאָעט, הירש אָשעראָוויטש (וואונדיקער בטחון). ביים אַנאַליזירן זיין בוך אונטער דעם אויבנדערמאָנטן טיטל, האָב איך וועגן זיינע לידער און פּאָעמעס אַזוי געשריבן: "איינע פון די אינטימע פאַרגעניגנס דורך אַ לענגערער באַקאַנטשאַפט מיט אַ דיכטער, ליגט, טיילוויז, אינעם פּראָצעס פון נאָכפאָלגן זיין וואַקסן און אַנטוויקלונג. זיין סטימול צו שאַפן אין אַ וועלט היינט, וואָס איז פאַרסמט פון גאָט מאַמאָן און אויך קאָרומפּירט דורך אַ קולטור פון נאַרקאָטיקס. און ער, דער דיכטער, האַלט שפּיגלען, דער יחיד די געזעלשאַפט, זאָלן זיך אַליין קענען זען, ווי עס זעט אויס. אפשר וועט מען דורך דעם אַראָפּוואַרפן פון זיך אַ פּאָר מאַסקעס... רעאַליטעט האָט פאַרשיידענע פּנימער. זי איז ווי אַ קרישטאָל וואָס ווערט צעשמעטערט אין קליינע שטיקלעך, וועלכע גראַוויטירן אַוועק פון צענטער און האָבן דיאַלאָגן מיטן אייגענעם איך און מיט אַנדערע"...

איך מיין, אַז די־אַ כאַראַקטעריסטיק איז ווי צוגעשניטן פאַר דער מאָס פון מאיר חרצס שאַפונגען, וועלכע כ'האָב גלייענט, און טייל מאָל געשטוינט, ווי אַזוי ער האָט באַוויזן פונעם געוויינטלעכן רעד־לשון צונויפבינדן ווערטער, שורות, זאַצן, וואָס הייבן אָן פאַר אונדז זינגען, מאָלן אין אַ מוזיקאַלישער פראַזירונג. מיר גייען אַ מאָל אַוועק פון אַ בוך און עפּעס גייט אונדז נאָך, אַן עכאָ, אַ דאַכטעניש, אַ וויזיע, וואָס אַ ליד, אַ פּערז, אַפילו אַ שורה נאָר, האָט סוגעסטירט ביים לייענען, הגם עס איז שוין לאַנג, ווי מיר זענען פונעם בוך אַוועק.

איך קען זייער גוט אונדזערע יידישע לייענערס. עס איז דאָך חל דער זאָג "בתוך עמי

אנוכי יושב". מאיר חרץ האָט ניט איין מאָל געהערט זאָגן: כ'בין שוין מיר פון לידער... ער האָט עס אַליין דערמאָנט אין זיין לידערזאַמלונג "שטערן אין הימל". לאָמיר ציטירן:

"...רו קלאָגסט זיך, ביסט שוין מיר אַזוי פיל לידער הערן, / פּאַראַנען, זאָגסטו, לידער מער שוין פון שטערן, / איז ווייס, אַז וואָס אונדז פעלט און וועט אונדז אייביק פעלן - איז נאָך אַ ליד וואָס זאָל אויפסניי געפעלן. / און זאָל כאָטש איינער, קיין חילוק ניט ווער, / ניט איך און ניט דו, איז אַ דריטער, / זאָל זיין כאָטש איינער, וואָס האָט דערהערט / דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער."

פּאַר אָט דעם איינעם, וואָס האָט דאָס גרויסע געזאַנג געקענט דערשפּירן מיט אַ ציטער, ווערן אַרויסגעגעבן ביכער מיט אַלטע און נייע מאָטיוון. אָבער ביי אַן עכטן פּאָעט דערשפּירט מען די אַנדערשקייט, אַ מאָל דורך אַ ניואַנס פון פאַרב און קלאַנג, אַ מאָל דורך אַ ווונדערלעכן מעטאַפאָר, אַזאַ פיינעם ערשטמאָליק-געהערטן פאַרגלייך! וויל איך דאָ באַטאָנען, וואָס איך האָב אין מאיר חרצס לידער און פּאָעמעס פון זיינע פריערדיקע און פון זיינע לעצטע צוויי לידער-זאַמלונגען אָנטגעטראָפן און וואָס חרץ באַצייכנט "דאָס גרויסע געזאַנג מיט אַ ציטער".

לאַו דווקא קומט עס ניט פון אַ "זאַגראַניטשנע"-נאָוואָטאָרישע ווערטער-פאַרגלייכונג. חרץ איז ניט קיין שפּראַך אינאָוואַטאָר. זיין לשון איז פאָלקסטימלעך, היימיש און נאָענט, דאָך, אַ פּאָעטישע דיקציע, וואָס טיילט זיך אויס מיט שפּירונג, גראַנקלעכקייט, אַנדערשקייט.

פון וואַנעט איז געקומען אַזאַ דיכטער ווי מאיר חרץ? ער, און אַזוי פיל אַנדערע פון זיין דור, זענען דאָך געקומען, ווי ער דערציילט אין אַ ליד:

פון קליינע שטעטלעך זענען מיר געקומען
צום גרויסן טיש, צו זיינע ברייטע ברעגעס,
פון אַלע זייטן אים אַרומגענומען
און דורכגעלעבט די סאַמע טיפסטע רגעס.

וועגן זיך אַליין גיט ער נאָך צו:

איך בין אויך געקומען מיט מיין קריגל,
געשעפּט און זיך געשפּיגלט אין זיין פּילן.
מיר האָבן אַלע זיך אין אונדזער פריינד געשפּיגלט
ווי וואָלקנדלעך אין אַ טייך אַ שטילן.

דער פריינד איז געווען הערש סעגאַל, וועמען ער באַצייכנט - דער פריינד פון פּאָעטן. אָט ווי ער שילדערט זיין הויז: "זיין שוועל ציט צו, זיין טיר איז שטענדיק אָפן, / דער טיש איז גרייט פאַר שטילע רייד, פאַר שוויגן, / וואָס בינדט צונויף מיט אַלטע פילאָזאָפן / און העלפט דעם מענטשן זיך אַריבערשטייגן".

און געקומען איז חרץ צו דער יידישער ליטעראַטור פון אַ צעבראָכענער יידישער היים, פון אַ טאַטן וועלכן ער האָט ניט געקענט, וואָס האָט פאַרלאָזן די פרוי אַלס עגונה בעת זי האָט מיט מאירן געשוואַנגערט: אַוועק קיין אַמעריקע צו זיינעם אַ ברודער. ווי אַזוי אָט די אָרימע פרוי האָט געציטערט איבער דעם גורל פון איר קינד, באַזינגט ער אין אַ ריי לידער, איר אומגעוויינטלעכע ליבשאַפט, וואָס האָט זיך איבערגערופן אין מיין גראַנק מיט חיים גראַדעס מאַמען, איר פּרנסה, אַ טישעלע אויפס ביים טויער, ביי אַלע וועטערן ווינטער, זומער.

און מאיר חרץ "ווידער וועגן זיך": "כ'האָב ווייניק געלייענט און ווייניק געלערנט /

נאָר צרות געהאַט אויף מיין קאָפּ געגנוג. / די נאַכט איז מיליאָניק אויסגעשטערנט / און נאָר אויף מיר איינעם זי קוקט און קוקט... איך וואָלט זיך פון לאַנג שוין אויפגעגעבן, / נאָר אַנדערש קוקן די שטערן דערויף. / זיי ציטערן, בעטן מיך ווייטער צו לעבן / און פאַל איך, הייבן זיי ווידער מיך אויף". (אַנפּאַס ז"ז 133–134).

גוט האָט געטאָן חרץ ביים פאָלגן זיין שטערן און געבליבן ניט נאָר ביים לעבן, נייערט אויך געוואָרן איינער פון די פּרוכטיקסטע יידישע פּאָעטן אין ישראל נאָכן צוריקקומען פון יענער זייט "סמבטיון" אין יאָר 1972. דורך זיינע 13 יאָר אין ישראל, אַרויסגעגעבן אַזוי פיל לידער־זאַמלונגען: נאָך דעם, אָנגעהויבן מאַכן אַ סך־הכל, און דערגאַנגען ביז 4, וועלכן מיר באַהאַנדלען דאָ. אין זיינע לידער־פּאָעמעס, קורצע, געשאַפן אַן אכסניה פאַר אַזוי פיל פאַרשיידענע גרופּעס לידער און פּראָזע־זאַכן צו זינגען און צו זאָגן, ווי עס קענטיקט זיך אין דער אַמאָליקער היים מיט כל בו סידורים, אין וועלכע עס זענען אַריין תפילות און פּיוטים פון אַ גאַנץ קיילעכדיקן יאָר.

גלייבן מיר, ווי שווער עס איז אים געווען דאָרטן, בעמק הבכא, דעם שווערן גורל־צו שלעפּן אַרויף צו די שטערן". דעם כוח בייצוקומען געצויגן פון זיין גלויבן "אַז דאָס ליד, וואָס כ'זינג אַ מאָל פאַר קיינעם ניט, / וועט אויך אַ מאָל דערגרייכן אַן אויער".

אגב האָט ער אויך אין ישראל איינגעזען, אַז מע טאָר בעת אַ זונפאַרגאַנג זיך ניט פאַרגעסן, אַז "מיט שפּילן מיט שיין פון פאַרנאַכטן, הייסט בלייבן אָן שיך און אָן עסן". דאָס פּראָזאַישע פון לעבן דערמאָנט ער אין דער לעצטער סטראָפע פון זיין ליד – "מיין טאָגבוך". עס איז נאַטירלעך וואָס די עכאָס פון יענע צייטן קומען אים צו חלום, צווישן זיי, דערמאָנונגען פון די אייגענע יוגנט־טעג ווען "איך האָב געשפּאַנט אויף מזרח מיט אַ לויב־געזאַנג" / און פון אַזאַ יוגנט־טאָג "אומגעקערט זיך מיט אַ שווערן זאַק מיט קלאָג"...

ס'איז ניט מעגלעך אין אַן אָפּשאַצונג וועגן צוויי ביכער זיך אָפּצושטעלן אויף פּרטים. אין זיי איז דאָך פאַרקנאָטן דער צעבלוטיקטער 20־טער יאָרהונדערט ביי וועלכן מיר שטייען שוין מיטן פּנים צום אָפּשלוס. ניט ווייניק פון זיינע זין און טעכטער קלאַפּן זיך על חטא אין האַרצן און פרעגן זיך בלחש: ווו זענען געבליבן דיינע געטער, וואָס פאַר זיי האָסטו פאַרטריבן גאָט?... איך מאַך ניט קיין טעות, מיין איך, ווען איך זאָג אַז מאיר חרץ איז ניט געוואָרן אַ געטלעכער בעל תשובה, נוסח ליובאַוויטש... איך לייען אין זיין ליד "ירושלים": "איך שטיי ביים כותל ניט קיין פרומער, / איך דאַוון ניט, איך בין נאָר אַ הערער, / איך הער זיך צו צום כותל, מיין לערער". גייט אַדורך אַ יונג פּאָרל און זעט ניט קיין אָרט ווו זיך צו קושן, אויסער אויף דער גאַס: "בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ דרויסן, / בלאָנדזשעט אַרום און זוכט אַ הויז. / קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן ביים כותל, / ווו מע ווײַנט די אויגן זיך אויס? קאָן דען אַ פּאָרל זיך קושן אין קלויז?"

דאָס האָט מיר דערמאָנט אין אַ יידישן שרייבער, דוכט זיך באַשעוויס, וואָס האָט געהאַט באַמערקט וועגן ערשטן מאָל זיין אין ירושלים, אַז ער האָט מורא געהאַט אין אָט דער הייליקער שטאָט אַריינצוגיין אין אַ בית־השימוש... פאַרשיידענע חזיונות, רעיונות פליסן אדורך מיט אַ פּאָעטישן סיגנון אין חרצס ישראל־לידער. ער פּירט אָן מיט אַזאַ "שפּיל מיט פאַרגלייכן", אַ געוועב פון אַזוי פיל פאַרבן, געפיל־שטימונגען, געמיט־צושטאַנדן און סימבאָליק, ווי, לדוגמא, "דער בוים וואָס פּילט", בעת ער איז נאָך יונג און פול מיט לעבן, און שפּעטער, ווען ער איז שוין אַלט און קראַנק, און, ער "בענקט צום העקער פון וואַלד, /וואָס זאָל דאָס קרענקען אים פאַרשפּאָרן". לאַנדשאַפט,

# אַ טרער אויפֿן קבר פֿון רבקה קאָפּע

נישטאָ מער די דיכטערין רבקה קאָפּע. זי האָט אונדז פֿאַרלאָזט און אַוועק אין איר לעצטן וועג. מער וועט מען נישט זען שוין די פּאָפּולערע געשטאַלט פֿון דער איידעלער פֿרוי אין איר געלאַסענעם גאַנג, טריט ביי טריט, אייביק אָנגעשפּאַרט אין איר זאָנטיקל - מיט אים פֿלעגט זי זיך קיין מאָל נישט שיידן אייביק אַ פּאַרטראַכטע, איר שיינעם קאָפּ פֿאַריסן צו די הימלען, גלייך ווי דאָרט, אין די הויכקייטן, וואָלט זי דאָס בלויע וואָרט געזוכט, דאָס אויסגעפּיינערטע, דאָס אויסגעשליפֿענע וואָרט, וואָס האָט ביי איר געמוזט בליצן מיט קרישטאָל־פֿונקען.

רבקה קאָפּע איז געווען פֿאַרליבט אין יידישן וואָרט, געוואָלט, אַז יעדער יידישער אות זאָל קלינגען מיט די ליריש־קלאַנגען פֿון מוזיק. איז דען אַ וווּנדער וואָס אַ געזאַמל לידער אירע הייסט "סימפֿאָניע אין ווינט"?

אַ געבוירענע דיכטערין איז זי געווען רבקה קאָפּע. וואָרטשאַפֿונג איז ביי איר געווען אַ ליידנשאַפֿט. זי האָט מיט דיכטונג געלעבט און מיט פּאָעזיע געאָטעמט בעסער, ווי מיט אירע קראַנקע לונגען.

איר שרייבערישער עזבון איז רייך און פֿון הויכער קוואַליטעט. זי האָט די יידישע פּאָעזיע באַרייכערט; באַרייכערט אויך האָט זי שפּאַר אונדזער פּראָזע, און דער עיקר, דעם עסיי ביידיש. אירע ליטעראַרישע פֿאַראינטערעסירונגען זענען געווען פֿון אַ רייכן דיאַפּאַזאָן. איינע אַ גליקלעכע איז זי געווען, ווען אַ גוט יידיש בוך איז איר אַריינגעפֿאַלן אין דער האַנט. זי האָט שוין דעמאָלט דאָס בוך מיט אימפּעט אַנאַליזירט, פֿאַר דעם לייענער עס צעלייגט אויף טעלערלעך, אָנגעוויזן דאָרט די שיינענדיקע עלעמענטן און איידל, אָן רוגזה, באַמערקט די שאָטנס.

---

בוים פֿיגורירן טעמאַטיש אין אַ סך לידער פֿון חרצס ציקלען. ער טוט אויך אַ חסד־של־אמת־מצווה אין א קאָלעגיאַלן שרייבערישן יזכור־ציקל פֿאַר וועלכן עס קומט אים (אין גן עדן איצט) אַ האַרציקן יישר־כוח פֿאַר דערמאָנונג.

די פֿרייד און טרויער פֿון דער מענטשלעכער טראַגי־קאָמעדיע פּערזיפֿיצירט זיך אין די לידער זיינע ווי אויך אין פּראָזע־שאַפֿונגען. לידער, שפּריצן פֿון לעבן, פֿאָלקסטימלעך־פּשוטע און ראַפֿינירטע, שליסן זיך צונויף ווי אַ קייט - צו איין פֿאַרטראַכטער דיכטעריש־עקזיסטענץ־רעאַליע אויף דער באַסאַראַבער יידישער ערד, דורך ערנסטע, ווי דורך שפּילעוודיקע פֿערזן, גראַמען, פֿון נעכטיקע און היינטיקע טעג; לידער מיט לירישער פּשטות, ספּעציפֿיש חרציש־אייגנאַרטיק אין דער פֿאַרב פֿון דער טשערנאָוויצער יידנגאַס; לידער־סקיצן, לירישע, און באַגלייט מיט בולטע כאַראַקטער־שטריכן. דערביי באַמערקט ער, "איך קען אַזוי פֿיל סטראָפֿן / וואָס האָבן צום האַרץ נישט געטראָפֿן". און ער אַליין זעט "אַצינד אין חלום אָפֿט אַ מיידל, /וואָס אין לעבן האָב איך ניט געזען / און איך ווער מיין עלטער־עלטער־זיידע / ווען ער איז אַ יונגערמאַן געווען.

אגב, אין זיין "נאָכן סך הכל - פֿיר" איז דאָ חרצס אַ יוגנטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון 1939, - עלעגאַנט געקליידט טיפּ טאָפּ לויט דער לעצטער מאָדע. אין אַנפֿאַס - אַ פּאָטאָ, שוין פֿון אַן אַלטן ייד - מסתמא, פֿון חרצס לעצטע יאָרן...

י - ק

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* מ א י ר  ח ר ץ : "נאָכן סך־הכל, פיר", לידער, פּראָזע און סענטענצן, 272 זז׳, פֿאַלאַג "אייגנס", ירושלים תשנ"ד - 1993. דאָס איז דער סאַמע "לעצטער סך־הכל" פונעם פֿאַרשטאָרבענעם פּרוכטיקן דיכטער - שרייבט די אלמנה מאַגראַ ט. חרץ, וועלכע האָט מיט גרויס פּיעטעט זיך פֿאַרנומען מיטן אַרויסגעבן דאָס בוך.
* ג ר ו נ י אַ  ס ל ו צ ק י ־ ק אַ ה ן : "קוקט ניט טרויעריק אַזוי אין פענצטער", לידער און פּראָזע, 202 זז׳, מאָנטרעאָל 1994.
* ש ל ו ם  ס ו ד י ט : "פֿאַרצייכענונגען לויט דעם זכרון", 72 זז׳, נהריה, ישראל, 1993.
* ש ל ו ם  ס ו ד י ט : "אַפאָריזמען - רעפלעקסיעס", 64 זז׳, נהריה 1994.
* מ ר ד כ י  ב אַ ו מ אַ ן : "אומקום און אויפקום", פּובליציסטישע און ליטעראַרישע עסייען. דאָס בוך איז פֿאַרזען מיט אַ פֿאָרוואָרט פון ד"ר העשיל קלעפּפיש. 280 זז׳ יידיש און 94 זז׳ ענגליש. ניו־יאָרק 1994.
* "די גאָלדענע קייט" נומ. 139. צייטשריפט פֿאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. 192 זז׳. רעדאַקטאָר - אברהם סוצקעווער, תל־אביב 1994.
* "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ. 24. צייטשריפט פאַר ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען. 310 זז׳, רעדאַקטאָר - יוסף קערלער; מיטרעדאַקטאָר - דוב־בער קערלער. ירושלים 1994.
* "די פען", חודשלעכער זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור. רעדאַקטאָר - הירשע־דוד קאַץ. נומ. נומ. 1 - 6, אָקספאָרד. אָנגעהויבן דערשיינען אין אויגוסט 1994.
* "אויפן שוועל", געזעלשאַפטלעך־ליטעראַרישער קוואַרטלניק. אָרגאַן פון דער יידיש־ליגע. ניו־יאָרק, אָקטאָבער־דעצעמבער 1994. רעדאַקטאָר - ד"ר מרדכי שעכטער.
* "לעבנס־פראַגן", סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור. תל־אביב, נאָוועמבער־פעברואַר 1995. רעדאַקטאָר - יצחק לודען.
* "אַלוועלטלעך יידיש", בולעטין פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס. נומ. 1. אַ העלפט יידיש, אַ העלפט ענגליש. ניו־יאָרק 1994.

---

רבקה קאָפּע איז געווען נישט בלויז אַן איידעלע שריפטשטעלערין - מילא, אירע בריוו צו פריינד זענען סתם געווען אַ נחת צו לייענען - זי איז געווען אויך אַן איידעלער מענטש. זי איז געווען קאָלעגיאַל און אַ שטאַרקע פאַרגינערן - אַ זעלטענע זאַך אין די שעפערישע קרייזן; און טאָמער אַ מאָל האָט זי דערשפּירט ביי איינעם אַ פונק פון שרייבערישער פעיקייט, האָט זי אים שוין נישט אָפּגעלאָזט, אים מקרב געווען און אַפילו געברענגט זיינע אַ שאַפונג אַליין צו אַ רעדאַקטאָר!

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד, ס'וועדט בין השמשותדיק אין יידישן פּאַריז; שוידערלעך אומעטיק און שיטער ביטער. אירע צאָלרייכע לייענער בין חסידי יידיש וועלן זי נישט פאַרגעסן.

עקיבא פישבין

# כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב

דער היגער יידישער קולטור־קלוב, וועלכער איז שוין אַריין אין 69־טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ, האָט, ווי אַלע יאָר, אָנגעהויבן זיינע פּראָגראַמען פאַרן סעזאָן 1994־95 גלייך נאָך סוכות.

1994

* מוצאי שבת אָקט. 15, י ע ק ב ל ע ו ו י ן, רעציטאַציעס פון איציק מאַנגערס שאַפונגען. מוזיק: פ ס ח מ אַ ל ע ו ו י ט ש.
* מוצאי שבת אָקט. 22, ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר: איציק מאַנגער - זיין וועג אין דער יידישער ליטעראַטור; מוזיק: ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד.
* מוצאי שבת אָקט. 29, פּרעזענטאַציע פון לאָנג־ביטשער יידישן קולטור־קלוב.
* מוצאי שבת נאָוו. 5, ש ר ה מ אָ ס ק אָ ו ו י ט ש - וועגן יידישער שפּראַך און קולטור.
* מוצאי שבת נאָוו. 12, מ אַ י אַ ו ו י י ס פ ע ל ד - א י י ז י ן - גאַסט פון מעקסיקע, האָט גערעדט וועגן 70 יאָר יידישן שולוועזן אין מעקסיקע.
* מוצאי שבת נאָוו. 19 פ ס ח מ אַ ל ע ו ו י ט ש - וועגן בוך־צענטער אין אַמהורסט. מוזיקאַלישער פּראָגראַם.
* מוצאי שבת דעצ. 3, מוזיקאַלישער פּראָגראַם מיט ל י ז א ל ו ב אָ ו ו ס ק י.
* מוצאי שבת דעצ. 10, ד"ר מ ש ה ו ו אָ ל ף - טויזנט יאָר מאַמע־לשון.
* מוצאי שבת דעצ. 17, ד"ר מ ש ה ו ו אָ ל ף - וועגן אירמע דרוקער, אַנטדעקער פון גרויסע יידישע קינסטלער.

1995

* מוצאי שבת יאַנ. 14, ה ע ר ש ל פ אַ ק ס וועגן יידישן הומאָר.
* מוצאי שבת יאַנ. 21, ח י ה ל ע אַ ש וועגן פּאָעט אַ. לוצקי.
* מוצאי שבת יאַנ. 28, י ע ק ב ב אַ ס נ ע ר האָט גערעדט וועגן משה נאַדיר.
* מוצאי שבת פעב. 4, ש מ ו א ל ב אַ ט - וועגן עלי שעכטמאַנס ווערק "ביים שקיעה אַקער".
* מוצאי שבת פעב. 11, ס ט ע נ ל י ב ו נ י ן - 80 יאָר יידישע כאָרן אין אַמעריקע.
* מוצאי שבת פעב. 18, ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר - וועגן דער דיכטערין קאַדיע מאָלאָדאָווסקי: רעציטאַציעס - י ע ק ב ל ע ו ו י ן.
* מוצאי שבת פעב. 25, אָוונט געווידמעט דעם יידישן מאָלער זאָלאָטאַראָוו, רעדנערין - ר י ו ו ע ז אָ ל אָ ט אַ ר אָ ו ו. מוזיק: ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד.

י.ש.

---

## צו אונדזערע אַבאָנענטן און לייענער

ווען איר טוישט דעם אַדרעס, זייט אַזוי גוט און לאָזט וויסן דער רעדאַקציע. אַ דאַנק.

* * *

פון די ראש השנה באַגריסונגען אין "חשבון" נומ. 124 איז על פי טעות אַרויסגעפאַלן דער נאָמען פון נ ע כ ע ש ל אָ ס ע ר.

מיר בעטן אַנטשולדיקונג.

רעד.

# ... און די ערד האָט געציטער
(סוף פון זייט 5)

און דאָך, זאָגן מיר נישט דער וועלט "אַ גוטע נאַכט". מיר זענען אַרויס פון דער פינצטערער נאַכט אָפּגעבריטע, טיילוויז פאַרברענטע, מיט אַ נדר וועלכן מיר האָבן זיך געגעבן – "נישט צו פאַרגעבן און נישט צו פאַרגעסן". מיט אונדזער זיין וועלן מיר קאָנטינואירן די נישט דערטרוימטע טרוימען פון אַלט און יונג, פון קינד און קייט.

אין דער שטילער שטילקייט – איז אונדזער גרויסער געשריי!

לאָמיר אין די טעג פון באַפרייאונג זיצן בציבור אין דערמאָנען די טעג, וואָכן, חדושים און יאָרן פון אונדזער גרויסן חורבן. לאָמיר דערמאָנען און אויפלעבן יענע בילדער, דערציילן אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער, איבערגעבנדיק זיי די גרויסע ירושה פון אונדזער אויסגעפּרוּווטן פאָלק; דערציילן וועגן דעם לעבנס־שטייגער פון שטעט און שטעטלעך, פון אונדזערע אַמאָליקע היימען, טרוימען אין וויזיעס. זאָל די צייט נישט אָפּווישן אונדזער פאַרגאַנגענהייט – ווייל פאַרגאַנגענהייט איז די רינג וואָס האַלט היסטאָריש צוזאַמען אונדזער פאָלק.

אַ האַלבער יאָרהונדערט פון יענער שטילער שטילקייט וואָס טראָגט מיט זיך די וואָרענונג: זע וואָס מענטש קאָן טאָן צו מענטש!

פופציק יאָר – יאָרצייט פון באַפרייאונג. אין אונדזער שמחה וועלן אונדז באַגלייטן די שאָטנס פון דער פאַרגאַנגענהייט, די וועלכע מיר האָבן איבערגעלאָזן דאָרט, אויף די וויסטע וועגן פון אונדזער אומקום. מיר וועלן זיך ווידער צעקושן מיט יענע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך געזעגנט, מיר וועלן זען זייערע לעצטע בליקן... און מיר וועלן צונויפנעמען אונדזערע לעבעדיקע גלידער, און שפּאַנען ווייטער, שפּאַנען, זייער נישט דערגאַנגענעם וועג.

---

צוזאַמען מיט דער יידישער קולטור־וועלט טרויערן מיר אויפן טויט פון

## שמואל ראָזשאַנסקי

באַוווּסטער שרייבער, לערער און קולטור־טוער,
וועלכער איז געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס, אַרגענטינע.

יידישער קולטור־קלוב אין ל.א.
רעדאַקציע "חשבון"

## אַ נייער אַרויסקום פֿון זומערטעג

דער ערשטער אַרויסקום פֿון *זומערטעג* פֿוןביילע *שעכטער־גאָטעסמאַן* - סיי דאָס ביכל *זומערטעג*: צוואָנציק זינגלידער (נייע, אָריגינעלע געזאַנגען מיט אַן אמתן יידישן טעם). סיי דער קאַסעט - זענען אין גאַנצן אויספאַרקויפט. גרייט די בעל־מחברטע אַ נייע אויפלאַגע.

אויפן קאַסעט באַטייליקן זיך די טאַלאַנטירטע זינגערס און מוזיקערס מיישקע אַלפּערט (פֿון דער "קאַפּעליע"), פּערל טייטלבוים, דזשענעט לויכטער (פֿון די "קלעזמיידלעך"), עלקע סוויגאַלס (פֿון די "קלעזמאַטיקס"), לאָרין סקלאַמבערג (פֿון די "קלעזמאַטיקס") און גיטל *שעכטער*־ווישוואַנאַט.

די ווערטער און נאָטן צו די לידער האָט אָנגעשריבן ביילע *שעכטער*־גאָטעסמאַן, איינע פֿון די פּראָמינענטסטע הײנטצייטיקע שאַפֿערינס פֿון נייע יידישע זינגלידער; אַראַנזשירט און דיריגירט האָט זיי דער באַקאַנטער יונגער קאָמפּאָזיטאָר בנימין *שעכטער*.

דער קאַסעט *זומערטעג*: קאָסט 10 אַמעריקאַנער דאָלאַר; דאָס ביכל, וואָס נעמט אַריין דעם טעקסט פֿון די לידער, נאָטן, איבערזעץ און טראַנסקריפּציע, קאָסט אויך 10 דאָלאַר. אויב מע קויפֿט איינס פֿון די ביידע, דאַרף מען אויך צורעכענען $2.00 פּאַק - און פּאָסט־געלט; אויב מע קויפֿט ביידע, דאַרף מען צורעכענען נאָר $3.00.

*זומערטעג* - סיי דער קאַסעט סיי, דאָס ביכל - וועט זיין אַ שיינע מתנה צון אַ געבוירן־טאָג אָדער אַנדערע יום־טובדיקע געלעגנהייטן. מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן צו:

League for Yiddish, Inc.
200 West 72 Street, Suite 40, New York, N.Y. 10023-2824
(טשעקן אויסגעשטעלט צו League for Yiddish)

---

## עלי שעכטמאַנס "ביים שקיעה־אַקער"

איז דער קינסטלערישער איכה וואָס באַקלאָגט דעם אונטערגאַנג פֿון די פּאָליעסער יידן, דער טיפֿסטער ווייגעשריי פֿון אונדזער אומקום אין די טעג פֿון חורבן.

עלי שעכטמאַן איז אָן ספֿק דער גרויס־מייסטער פֿון דער יידישער פּראָזע אין אונדזער דור, און זיין "ביים שקיעה־אַקער" איז אַ ווערק אויף דורות. דאָס בוך (400 זייטן) איז דערשינען אַ דאַנק דער ברייטהאַרציקייט פֿון עוועלין אַלעקסאַנדער, ז"ל, פֿון לאָס־אַנדזשעלעס.

דאָס בוך קאָסט $25 (פּאָרטאָ אַריינגערעכנט). מ'קאָן עס באַשטעלן ביי דעם אַרויסגעבער, די "יידישע קולטור", 1133 בראָדוועי, צימער 1019, ניו־יאָרק, ניו־יאָרק 10010, אָדער אַפֿילו אויפֿן טעלעפֿאָן: 1304-243 (212).